NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12792

# MIR AFN PAMIR

Stakh Ganetskii

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כטאַך גאַנעצקי, אריק פּאָליאַנאָוו

# מיר אפן פאמיר

אין פרעסע ארכיוו

PRINTED in U.S.S.R.

פאַרלאג „עמעס״ מאָסקווע 1933

ייִדיש — ר. קאַטיק

# אינהאַלט:

וייט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3
אויפֿקוקפֿאָרן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 5
פאַמיר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 6
אין וועג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 10
די שפאָס מאַשקעגס . . . . . . . . . . . . . . . . 12
פערנאַנע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 13
ריטנדיק איבער די בערג . . . . . . . . . . . . . . 16
באַסמאַטשעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 19
דורך א באַרג־איבערגאַנג . . . . . . . . . . . . . 25
אלטין־מאַזאר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 31
צווישן קירגיזן . . . . . . . . . . . . . . . . . 34
א שווערער איבערגאַנג . . . . . . . . . . . . . . . 39
אליין די טרעגער . . . . . . . . . . . . . . . . . 45
די פאַרעקטערישע ליים . . . . . . . . . . . . . . 49
א ריזיקאַלישער איבערגאַנג . . . . . . . . . . . . 52
קוזקון־סאַקט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 57
איבער גלעטשערס און פעלדזן . . . . . . . . . . . . 62
אלץ העכער און העכער . . . . . . . . . . . . . . . 69
אן אומגעלונגענע אטאַקע . . . . . . . . . . . . . . 74
מיר קערן זיך אום . . . . . . . . . . . . . . . . . 80
קיין מאָסקווע . . . . . . . . . . . . . . . . . . 85
נאָכוואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 89



Сдано в производство 22/II—33 г. Подписано к печати 22/III—33 г.
Формамт бумаги 72×105 1/32. 4 3/4 печ. л. 72000 п. зн. в п. л.
«Эмес» 2011 Тираж 4.000. Хл, Главлита В—51457.
Редактор А. Фрумкин. Техред. И. Тененбаум.

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка. 9. Заказ № 150

# פאָרוואָרט

דאָס בוך האָבן אָנגעשריבן מײַנע צוויי מיטרײַזנדער אין דער פאַמידער עקספּעדיציע פון 1929 יאָר — צוויי יינגלעך, וואָס האָבן געוואָנט אוועקצולאָזן זיך מיט מיר אין דעם דאָזיקן שווערן און געפערלעכן וועג. איך האָב זיך מיט זיי ניט אָפּגענאַרט אין דעם פּראַט, וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַף דער געהעריקער הייך און האָבן מוטיק אַריבערגעטראָגן אַלע שוועריקייטן פונעם וועג און אַרויסגעוויזן גענוג אַקשאָנעס און אויסגעהאַלטנקייט, וואָס זײַנען נייטיק פאַר אַזאַ מין עקספּעדיציע. יעדנפאַלס קאָן איך זאָגן, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ערגער פון די איבעריקע, און אין אַ גאַנצער ריי הינזיכטן נאָך בעסער.

אָט פאַרוואָס איך קאָן מיט פאַרגעניגן אָפּמערקן, אַז די עקספּעדיציע האָט זיי געבראַכט נוצן אויך אין אַן אַנדער פּראַט — זייערע אײַנדרוקן און איבערלעבונגען האָבן זיי, לויט זייערע מעגלעכקייטן, איבערגעגעבן אַפן פּאַפּיר, קעדיי זיך צו טיילן מיט זיי מיטן ברייטן קרייז יונגע לייענער פון אונדזער לאַנד.

ניט אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, אין דעם ביכל אָנגעשריבן אַזוי גלאַטיק, און עפּשער ניט אינגאַנצן ריכטיק גיט עס איבער דאָס אַלץ, מיט וואָס זיי איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך. אייניקע זײַטן פון דער עקספּעדיציע זײַנען ניט גענוג באַלויכטן, עס הינקען וווּ-ניט-וווּ אונטער אויך די אָנגאַבן וועגן דער טאָפּאָגראַפיע פון דער געגנט, עס זײַנען שוואַך באַטאָנט אייניקע וויכטיקע מאָמענטן.

דאָך איז דער אַלגעמיינער טאָן פונעם באַשרײַבן און פונעם אינהאַלט אָן שום צווייפל ריכטיק, און אייניקע בילדלעך זײַנען אָנגעשריבן אַפילע מיט אַ געווויסן טאַלאַנט. אויך די דראַמאַטישקייט פון אייניקע מאָמענטן איז איבערגעגעבן אין אַ גענוגער מאָס בולעט און רעאַל.

אונדזער טוריסטיש ווערטל זאָגט: „ווער עס האָט זיך ניט פאַרלאָרן אין די בערג, דער וועט זיך אויך ניט דערשרעקן אין שלאַכט". דאָס ביכל באַרעכטיקט דאָס דאָזיקע ווערטל אויף אַ צווייפל, אויף וויפל עס באַווייזט אין רעאַלע בילדער פונעם איבערגעלעבטן יענע גרויסע שול, און פאַרהאַרטעוועטקייט, וואָס עס גיט דער הייכבאַרגיקער טוריזם. און אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט די עקספּעדיציע אָן שום צווייפל געבראַכט ביידע כעוורע אַסאַך נוצן.

אויב דאָס ביכל וועט נאָכן דורכלייענען עס דינען אַלס אַ שטויס פאַר אַ ריי אַנדערע יונגע טוריסטן און אַלפּיניסטן אָנטייל צו נעמען אין אַזעלכע ביינים עקספּעדיציעס און אונטערנעמונגען, אויב עס וועט זיי העלפן שאַפן און אַרויסרופן נייע קאַדרען יונגע פאָרשער פון אונדזער גרויסן לאַנד, אויב עס וועט ענגלעך פאַרינטערעסירן זיי אויך אין דעם זין, וואָס עס וועט אויפוועקן אין זיי אַ וויסנשאַפטלעכע גיריקייט און אַ לעבעדיקע שטרעבונג צו וויסן, — וועל איך זיין באַפרידיקט דערמיט, וואָס אויך אין דעם פרט האָט זיך אַרויסגעוויזן פולשטענדיק באַרעכטיקט דער געוואָגטער טראָט, אויף וועלכן איך בין געגאַנגען, ווען איך האָב מיטגענומען דאָס דאָזיקע „קליינוואַרג" אין דער עקספּעדיציע.

מיט דעם דאָזיקן ווונטש — אַ שטויס צו טאָן אונדזערע יונגע קאַדרען טוריסטן פון אונדזער יוגנט צום ווייטערדיקן אַנטוויקלען דעם פּראָלעטאַרישן טוריזם — וועל איך זיך דערלויבן ענדיקן מיין פאָרוואָרט צום בוך פון מיינע יונגע כאַווירים אין דער עקספּעדיציע פון 1929 יאָר.

נ. קרילענקאָ.

קאפיטל איינס

# אוועקגעפאָרן

און אָט זיינען מיר אין וואגאָן.

פאָרויס איז א שווערע און געפערלעכע רייזע. און אהינטער — די קאָלאָסאַלע, רוישיקע מאָסקווע מיט אירע שטענדיקע גרויזנדיקע געשעפטן און אנשטאלטן, איבער וועלכע אונדז איז אויסגעקומען אזוי פיל ארום-צושלעפן זיך.

וויפל מי און ענערגיע האָבן מיר געפאטערט ביז מיר האָבן זיך געזעצט אין באַן. איינדערעמעסן, מע זאָל זיך דערמאָנען וויאזוי אונדזער עקספעדיציע האָט זיך געקליבן אין וועג אריין וועט מען אוודאי ניט קענען זאָגן, אז מיר האָבן געקליבן קויכעס פאר א נעסיע. פונקט פארקערט. אין משך פון צוויי וואָכן פלעגן מיר אופשטיין 7-8 אזייגער און זיך לייגן 12. דעם גאנצן טאָג פלעגן מיר זיך פארנע-מען מיט צוגרייטן די עקספעדיציע. מיר פלעגן ארויסבאקומען קאָלערליי אלפיניסטן-אויסשטאטונג: שיך, אונטערגעהאקטע מיט טשוועקעס, קעדייס זאָלן זיין שטארקער, פאָדעשוועס אף צו גיין איבערן אייז, קלעטער-שיך, לייכטע ביידלעך, אייז-האקערס (שטעקנס מיט קירקעס צום גיין איבער בערג), ווארעמע וועש און שלאָפזעק, ארומגענייטע מיט ברעזענט, ווארעמע דעקעס צום שלאָפן אפן שניי אין א גרויסן פראָסט.

מיר האָבן צורעכט געמאכט דאָס געווער — יאגד-געווער און מיליטערישע. דאָס האָט זיך אגעוו שפעטער ארויסגעוויזן פאר גאָר ניט איבעריק. צו-געפאסט צום געווער פאטראָנעס, וואָס איז געווען ניט-פון די לייכטע זאכן, ווייל קיין פאסיקע פאטראָנעס פאר דייטשישע מאוזער-ביקסן זיינען אין מאָסקווע ניט געווען. ס'איז אויך ניט לייכט געווען צוזאמענשטעלן,

באקומען און גוט איינפאקן דאָס קליינע אפטייקל, וואָס האָט אָבער פארמאָגט אלץ, וואָס ס'איז נייטיק. דער דאָקטער, וואָס האָט אונדז צוזאמענגעשטעלט דאָס אפטייקל, האָט אונדז געגעבן א מאסע נייטיקע רעפטעס, זענעפטן, טראָפּנס קעגן הארצע און לייזע מאָגנס, שלאָף-מיטלען, שמירעכצן קעגן קאטער א.ד.ג. נאָר אפעטיטן האָבן מיר די גאנצע צייט פארמאָגט גלענצנדע, און שלאָפלאָזיקייט האָבן מיר אויך ניט געליטן, אזוי אז פונעם גאנצן אפטייקל זיינען אונדז צונוץ געקומען נאָר די בינטן, יאָד און די פארשיידענע פעסטן צום פּאָנעם, פיס און שיך.

כוץ דעם האָט מען געדארפט קריגן פארשיידענע וויסנשאפטלעכע מאכשירים: אן אלטימעטער אָדער אנעראָיד — פעסטצושטעלן די הייך, א טערמאָמעטער, בינאָקלען, א פאָטאָ-אפאראט א.ד.ג.

ווען מיר האָבן ד"ס אלץ געקראָגן, האָבן מיר זיך דעם 29-טן יולי 1929 יאָר אריינגעזעצט אין צוג. ערשט דאָ האָבן מיר זיך געקענט א ביסל אָפּרוען און גענוי זיך באקענען מיט דעם פאראנענעם מאטעריאל וועגן פאמיר.

## קאפיטל צוויי

# פאמיר

בא אונדז אין לאנד, וואָס פארנעמט א זעקסטנטייל פונעם ערדקיילעך, זיינען נאָך פאראן אזאך ווילדע, ניט אויסגעפאָרשטע ערטער.

אין די דאָרעם-מיזרעכדיקע ראנד-געגנטן פון ראטנפארבאנד, וואָס גרענעצן מיט אפגאניסטאן און כינע, ליגט א הויכבארגיקע וויסטע (וואָס ווערט אָנגערופן לויט איר לאגע „וועלט-דאך") פאמיר, וואָס, איבערזעצט פון קירגיזיש, הייסט עס „דער צופוסן פונעם טויט"; אזא נאָמען האָט זי באקומען בא דער אָרטגעבירטיקער באפעלקערונג דערפאר, וואָס די אלטע קירגיזישע לעגענדעס האָבן דערציילט, אז אין דער דאָזיקער אייז-וויסטע לעבט דער טויט. און בעעמעס, זעלטן ווער עס פלעגט ארויס מיטן לעבן פון דעם דאָזיקן קעניגרייך פון פעלדזן, אייז און שניי.

די דאָזיקע וויסטע איז פארצוימט פון אלע זייטן מיט קאלאָסאלע

בארג-רוקנס, וואָס זיינען א קיילעכדיק יאָר באַדעקט מיט אייביקן אייז און שניי, וועלכע צעגייען קיינמאָל ניט. דאָרט, אף א הייך פון 6 קילאָמעטער, הערשט א שרעקלעכע קעלט, סיי זומער, סיי ווינטער גייט א שניי. דער שניי באַווייזט ניט צו צעגיין און ווערט פאַרוואנדלט אין אייז. אזויאַרום האָבן זיך אין מעשעך פון יאָרטויזנטער געשאַפן גלעטשערס. זומער צעגייען די דאָזיקע גלעטשערס א ביסל און דאָס וואסער פליסט אראָפּ אין קליינינקע ריטשקעלעך אראָפּצו אין טאָל. אפן וועג פאַראייניקן זיך די דאָזיקע ריטשקעלעך און בילדן מעכטיקע ברויזנדיקע טייכן, וואָס טראָגן אין זייערע מוטנע וואסערן אראָפּגעשווענקטע שטיינער, שטיקער אייז און ביימער. עס דאכט זיך, אז דאָס דאָזיקע בונטעווענדיקע און ברויזנדיקע וואסער, וואָס היט אייפערזיכטיק די רייכטימער פון פאמיר, וויל ניט צולאָזן דעם מענטשן אין די טיפענישן פון דעם ניט אויסגעפאָרשטן לאנד.

מיט זיינע רייכטימער, דערהויפּט מיטן גאָלד און אנדערע ווערטפולע מעטאלן, מיט די הויכע און ניט אויסגעפאָרשטע בערג, מיט דער באַלעכיים- און געוויקסן-וועלט, און אויך מיט דער ווירקונג פונעם הויכבארגיקן קלימאט אפן מענטשן — אָט מיט דעם אלעם האָט פאמיר צוגעצויגן די רייזנדע — די טוריסטן און געלערנטע פאָרשער. וועגן דער באַפעלקערונג פון פאמיר זיינען נאָך אראיעם ארומגעגאנגען קאָלערליי באָבעמייסעס און לעגענדעס. שוין אין דער צארישער צייט האָבן זיך צו פאמיר געצויגן עקספּעדיציעס סיי פון רוסישע, סיי פון אויסלענדישע פאָרשער און טוריסטן, עקספּעדיציעס פון מיליטערישן כאראקטער אף אויפצושטעלן פּינקטלעכע קארטעס פון דעם נאָך ניט אויסגעפאָרשטן געגנט. נאָר קיין איינע פון די דאָזיקע עקספּעדיציעס איז ניט אריינגעדרונגען אין דער טיף פון פאמיר, איז ניט געווען אף זיינע העכסטע שפּיצן, האָט ניט געגעבן קיין פּינקטלעכע קארטעס פון זיינע געשלענגלטע בארג-שפּאלטן און טייכן און האָט ניט אנטדעקט די לעגענדארע געבורט-ערטער פון גאָלד. אף דער וועלט-קארטע זיינען נאָך פאַרבליבן אביסל ווייסע פלעקן. איינעם פון זיי שטעלט נאָך טיילווייז פאָר ביז היינטיקן טאָג פאמיר.

די סאָוועטישע רעגירונג באַמיט זיך דערלערנען און צונויפשטעלן גענויע קארטעס פון אלע ניט אויסגעפאָרשטע ווינקעלעך פונעם פאַרבאנד. צוליב דעם אָרגאניזירט זי אלע יאָר קאָלערליי וויסנשאפטלעכע עקספּע-

דיציעס, נאָר זי האָט דערבײַ ניט אַזעלכע צילן, ווי עס האָט געהאַט די צאַרישע רעגירונג — אונטערדריקן און באַרויבן די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון די ווײַטע ראַנד־געגנטן פֿון רוסלאַנד. אין די אינטערעסן פֿון צאַר און פֿון דער בורזשואַזיע איז געווען, אַז דאָס פֿאָלק זאָל זײַן אומקולטורעל און אָרעם. די סאָוועטישע רעגירונג וויל דערלערנען דעם שטיינער און מיטהעלפֿן די אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער פֿון אונדזער פֿאַרבאַנד אין זייער ווירטשאַפֿטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. דורך דעם, צונויפֿשטעלנדיק פֿאַרשיידענע קאַרטעס פֿון די געגנטן און גרענעצן, מאַכט זי אונדזער לאַנד שטאַרקער און נאָך מער ניטצוטריטלעך פֿאַר די סאָנים.

אונדזערע זאַוואָדן און פֿאַבריקן נייטיקן זיך אין פֿאַרשיידענע קאָמפּליצירטע ווערקשטעלן און מאַשינעס, וועלכע מיר קויפֿן טיילווײַז אין אויסלאַנד פֿאַר גאָלד. אַזעלכע עקספּעדיציעס פֿאַרנעמען זיך טאַקע אויך מיט זוכן די געבורטס־ערטער פֿונעם גאָלד.

די סאָוועטישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט, בעראָש מיט דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון ססס״ר, האָט אין 1928 יאָר אָרגאַניזירט די ערשטע עקספּעדיציע אויף פּאַמיר, און וועלכער עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן דײַטשישע געלערנטע און אַלפּיניסטן. די דאָזיקע עקספּעדיציע האָט פֿולקום אויסגעפֿילט די אויפֿגאַבן, וואָס זײַנען אויף איר אַרויפֿגעלייגט געוואָרן. זי האָט צונויפֿגעשטעלט אַ קאַרטע כּמעט פֿון גאַנץ מיזרח־טייל פּאַמיר. זי איז דורכגעגאַנגען דעם גרעסטן (80 קילאָמעטער) גלעטשער אין דער וועלט פֿעדטשענקאָ, זי האָט אַנטדעקט ביז איצט אומבאַוווּסטע וועגן. די דאָזיקע עקספּעדיציע האָט צוניכטס געמאַכט די קלאַנגען וועגן דעם, אַז דאָרט, ערגעץ אין די בערג, עקזיסטירן נאָך ביז איצט אומבאַקאַנטע אוראַלטע מענטשן. קיינער איז דאָרט ניטאָ. אויבן, צווישן די ווילדע פֿעלדזן, וואָס זײַנען באַדעקט מיט אייביקן שניי און אײַז, איז אָפּגעשטאָרבן דאָס לעבן. דאָרט האָט קיינמאָל ניט געטראָטן קיין מענטשלעכער פֿוס, אַפֿילו אָדלערס — די קייסאָרים פֿון די הייכן — קומען אַהין בלויז זעלטן צופֿליען. דאָס לעבן הייבט זיך אָן נידעריקער, אין די שפּאַלטן פֿון די בערג. דאָרטן, אויף ניט קיין גרויסע פּלעצער, וואָס זײַנען באַדעקט מיט גרינס, שפּרינגען אַרום וווּנדער־שיינע ציגן־קײַקן — און באַרג־אינדיקעס, אוילאַרן, ווילדע טויבן און וואַלד־הינער פֿליען מיט גערויש אַריבער פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. און דעם מענטשנס וווינאָרט געפֿינט זיך נאָך נידעריקער, צופֿוסנס פֿון די בערג, ווו עס פּאַשעט זיך אויף זאַ־

טיקע פּאַשן-פעלדער דאָס פי און ווו כ׳שפּאַצירן מעיושעוודיק ארום קעמלען.

נאָר אפילע נאָך דער דאָזיקער עקספּעדיציע זיינען פארבליבן ניט קיין אויסגעפאָרשטע ערטער.

זומער 1929 יאָר האָבן די וויסנשאפט-אקאדעמיע פון פסס״ר, דער פארבאנד-גאָלד און די געזעלשאפט פאר פּראָלעטארישן טוריזם אָרגאני-זירט די צווייטע עקספּעדיציע אף פאמיר, אונטער דער אָנפירונג פונעם אלטן באָלשעוויק און גענימן אלפּיניסט כ׳ ניקאָלײַ וואסיליעוויטש קרי-לענקאָ. אין באשטאנד פון דער עקספּעדיציע זיינען אריינגעגאנגען, געאָלאָגן — זוכער און פאָרשער פון די בארג-רײַכטימער, טאָפּאָגראפן — צונויפשטעלער פון פּינקטלעכע געאָגראפישע קארטעס און אלפּיניסטן, אויסשפירער און בארג-גייער — די פאָרויס-גייענדיקע גרופּע פון דער עקספּעדיציע.

אין די אויפגאבן פון אונדזער עקספּעדיציע איז ארײַנגעגאנגען אויס-פאָרשן די בארג-רײַכטימער אינעם טאָל פונעם טײַך טאַנימאַז-סײַ, וואָס הייבט זיך אָן בײַ די גלעטשערס פון טראנסאלאַיִשן בארג-רוקן, ווייל עס זיינען שוין לאנג ארומגעגאנגען קלאנגען, אז דאָרטן געפינען זיך גרויסע גאָלד-אַרצרעס. כוץ דעם האָט מען גענדארפט צונויפשטעלן א פּינקטלעכע קארטע פון דער דאָזיקער געגנט, צונויפזאמלען קאָלעקציעס פון קאָ-לערליי פייגל און חייעס. די אלפּיניסטן האָבן כוץ דעם, וואָס זיי האָבן געדארפט דורכלייגן א וועג פאר די טאָפּאָגראפן און געאָלאָגן, נאָך גע-וואָלט ארופגיין אף איינעם פון די העכסטע בערג אין דער וועלט „לענין-פּיק“, 7 קילאָמעטער די הייך, וואָס געפינט זיך טאמע אינמיטן פונעם טראנסאלאַיִשן בארג-רוקן. דורכגייענדיק דעם גאנצן טאָל פון טוּוק-סײַ, זיינען שוין די אָנטיילנעמער פון דער פאָריקער עקספּעדיציע ארופגעגאנ-גען אף דעם דאָזיקן בארג דרײַ בעסטע דײַטשישע אלפּיניסטן — אלווײַן, שנײַדער און ווין. אָבער זיי האָבן ניט צונויפגעשטעלט קיין קארטע פון דער געגנט, וואָס זיי זיינען דורכגעגאנגען, קײַן גענויע קארטע דערפון, ווו עס געפינען זיך די זײַטיקע בארג-שפּאלטן, וואָס שנײַדן זיך אריין אין טאָל, און פון די גלעטשערס, וואָס ליגן בײַ די בארג-שפּיצן, כוץ דעם האָבן זיי ניט געגעבן קײַן שום געאָלאָגישע און זאָאָלאָגישע ידיעות. — דאָס אלץ האָט מען אונדז בײַ פאָרטראָגט צו טאָן.

# אין וועג

מיר זײַנען אין וואגאָן זאלבעפינפטס, די גאנצע אלפּיניסטישע גרופּע: ניקאָלײַ וואסיליעװיטש קרילענקאָ, נידעריק געוואקסן, מיט אן אָפּגעברענטן פּאָנעם, אן ענערגישער, שטרענגער, נאָר גלײַכצײַטיק א גוטער אופבערקזאמער און פרײלעכער מענטש.

די יונגע אלפּיניסטן לעוו לוואָוויטש בארכאש און וויקטאָר ניקיטין — ביידע פריילעכע, געזונטע און שטארקע בחורים. און ענדלעך מיר בײדע — אריק און סטאך. מיר זײַנען שוין פריער געגאנגען איבער די קאווקאזער בערג. סטאך גאנעצקי איז אפילע ארויפגעגאנגען צוזאמען מיטן נ. קרילענקאָ אפן עלברוס — דעם העכסטן בארג אין איראָפּע (5 קילאָמעטער). אויסרעכענענדיק אף אונדזערע יונגע קרעפטן, האָט דער נ. קרילענקאָ באשלאָסן אונדז נעמען מיט זיך. נאָר וועגן אונדזער גורל האָבן מיר זיך באוויקט נאָר דאן, ווען מיר זײַנען שוין געזעסן אין וואגאָן, ווײַל די ערשטע צײַט האָבן מיר ניט געהאט די פולע זיכערקייט, מיר פאָרן, צי ניט. די זאך איז געווען אזוי: ווען נ. וו. קרילענקאָ האָט אפן צענטראל-ראט פון דער געזעלשאפט פאר פראָלעטארישן טוריזם געשטעלט די פראגע וועגן אײַנשליסן אונדז אין דער עקספּעדיציע, האָבן די אַלטע געניטע טוריסטן געלאכט פון אונדז און האָבן ניט געראטן זיך באלעסטיקן מיט אזעלכע יונגע מיטרײַזנדער. נאָר סאָפּקאָלסאָף איז אים געלונגען אונדז אויסצוקעמפן. די צוקונפט האָט באוויזן, צי איז ער געווען גערעכט אָדער ניט.

מיר פאָרן שוין דעם דריטן מעת־לעת. דריי מעת־לעת זיצן מיר אין דושנעקייט און שטויב און טראָגן זיך אלץ ווייטער און ווייטער פון מאָסקווע צו די שנײיִק-שטיינערנע ריזן פון פאמיר. קיין שום געשעענישן זײַנען נאָך דערווייל ניט פאָרגעקומען, אויב מע זאָל ניט רעכענען דאָס, וואָס היינטיקע נאכט האָט זיך צו אונדז אין וואגאָן כאפּקליבן א זשוליק און האָט „אָפּגערייניקט" איינעם אן אלטיקן. דער אלטינקער איז ארויסגעלאָפן אין איינע וועש און האָט זיך צעשריען אפן גאנצן וואגאָן — „גוואלד! מע האָט מיך באגאזלט!". פון גאנעוו איז, פארשטייט זיך, קיין סימן ניט פארבליבן.

בארכאש האט זיך אופגעכאפט אין, ניט האבנדיק קיין זאך אונטער דער האנט, האט ער געכאפט אן אייז-האקער און האט זיך פארנומען מיט „אייזנבאן-טוריזם". אין איינע טרוסן האט ער זיך געלאזן אפן דאך נאכן באנדיס. אין עטלעכע מינוט ארום האט ער זיך אומגעקערט פון דער דאזיקער „עקספעדיציע", נאר צום באדויערן מיט גארניט, נאר דער שטויב און די בלאטע אף זיינע טרוסיקעס און די צעקאליעטשעטע הענט האבן איידעס געזאגט וועגן זיינע „קריגי"-מײַסים.

צום דערנערן זיך האבן מיר געשאפן אן „עכער-קאמונע". אף יעדער סטאנציע קויפן איין אריק, סטאך אין בארכאש עפעס צו קייען. ניקיטין לויפט נאך געזאדענע וואסער. און דער כ' קרילענקא, אנפירנדיק מיט אונדז אלעמען דורכן פענצטער, היט דאס גוטס...

נעכטן זיינען מיר פארבייגעפארן ארענבורג — די לעצטע אייראפעישע שטאט אף אונדזער וועג. אינגיכן נאך איר האט זיך פארבייגעטראגן א סלופ מיט אן אופשריפט: פון איין זייט — „אייראפע", פ דער צווייטער — „אזיע". ביז ארענבורג האבן זיך פאר די אויגן פאנאנדערגעטראגן סאסנע-וועלדער, טייכן און פעלדער. אין אזיע האט זיך דאס בילד שארף געביטן. ארום און ארום, צונויפגיסנדיק זיך מיטן אומענדלעכן האריזאנט, האט זיך געצויגן א קימאט וויסטער אנגעגליטער סטעפ. זעלטן ווען פלעגן זיך אין די דאזיקע אנגעגליטע זאמדן, אף א מעהאלעך פון צענדליקער און אמאל הונדערטער קילאמעטער איינע פון די אנדערע, באווייזן איינזאמע קירגיזישע יורטעס.

ארום די יורטעס האבן זיך געוואלגערט מאגערע הינט, מיט ארויסגעשטעקטע צינגער פון דארשט, און עס האבן מעיושעוודיק ארומגעשפאצירט אדער זיינען פויל געלעגן הייקערדיקע קעמלען. לעבן די ברינעמער האבן קליינינקע קירגיזישע פערדלעך זשעדנע געקנייפט דאס מאגערע סטעפ-גראז. קיין מענטשן האט מען קימאט ניט געזען, בלויז זעלטן באווייזן זיך שפרינגענדיקע קירגיזן, וואס ווילן דעריאגן דעם צוג. ניט קוקנדיק אף דער היץ, זיינען זיי אנגעטאן אין ווארעמע פארשיידנפארביקע כאלאטן און גרויסע פעלצענע היט. עטלעכע מאל האבן זיך איבערן צוג באוויזן קאלאסאלע סטעפ-אדלערס און זיינען פארשוונדן געווארן, אוועקפליענדיק אינדערהייך.

מיר זיצן בא אן אפענעם פענצטער, נאר עטעמען איז שווער. די צעגליטע לופט, וואס איז אויסגעמישט מיט שטויב, קריכט אלץ אין נאז

און אין האלדז. באַטאָג איז די טעמפּעראַטור געווען 40 גראַד. דעריבער זיינען אלע ארומגעגאנגען אין איינע טרוסיקעס.

פארנאכט-צו האָבן זיך באוויזן בלאָטעס און טייכלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סאָל פונעם גרויסן טייך סיר-דאריע, וואָס פאלט אריין אין אראלער יאם. דאָ טרעפט מען פישער-יישובים, וואָס זיינען ארומגערינגלט מיט ניט קיין גרויסע פעלדער און גרינע וועלדלעך. נאָר איז עטלעכע שאָ ארום, ווען מיר זיינען שוין פארבייגעפאָרן דעם קוואל פון לעבן — דאָס וואסער, זיינען מיר ווייטער אריינגעפאָרן אין דעם טויטן סטעפּ.

קאפיטל פיר

# די שטאָט טאשקענט

דעם 2 אויגוסט פארנאכט זיינען מיר געקומען קיין טאשקענט — די הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאן. צו אונדזער אָנקומען, האָט די היץ דערגרייכט ביז 70 גראַד. און מיר האָבן זיך באגאָסן פון קאָפּ ביז די פיס מיט שווייס, שמוציקן פון שטויב. דער צוג אף פערגאנגע האָט געדארפט אָפּפאָרן 11 אזייגער, אזוי אז אין אונדזער רעשוס זיינען נאָך פארבליבן פינף שאָ, און מיר זיינען אוועקגעפאָרן באקוקן די שטאָט. טאשקענט באשטייט פון אן אלטער שטאָט און פון א נייער. דער נייער טאשקענט איבעראשט מיט זיין אייראָפּעיִשן אויסזען: פארקן, קינאָען, גרויסע בויערן און טראמווייען, איבער די גאסן שפּאצירן ארום צווישן רוסישן אוילעם אוזבעקן, אָנגעטאָן אין אייראָפּעיִשע קליידער. נאָר אינגיכן ווערן די גרויסע ברייטע גאסן פארביטן מיט שמאָלינקע געסעלעך — עס הייבט זיך אָן דער אלטער טאשקענט. דורך אים גייט דורך אין טראמוויי-ליניע — אף דער הויפּט-גאַס. אף דער דאָזיקער גאס געפינען זיך אויך אסאך גוט באלויכטענע רויטע „טשייכאנאס" (טיי-הייזער), וואָס פארמאָגן אָפט אפילע אָרקעסטערס. אין אזוינע טיי-הייזער זיינען איינגעאָרדנט קאָלאָסאלע נארעס פון ברעטער, צייגנע איבער די אנדערע שטאָקנווייז (אין גרויסע טיי-הייזער דערגרייכט די צאָל שטאָקן ביז 3 — 4). די נארעס זיינען באדעקט מיט טעפּיכער און אף זיי זיצן, ווי די טערקן, די פיס אונטער זיך, אוזבעקן און טרינקען גרינע טיי אָן צוקער —

„קאָק-טשײַ". קימאט ווייער גאנצע פרייע צײַט פארברענגען זיי אוי באם טרינקען טיי. די טשײַ-כאנא איז דאָס א נציקע געזעלשאפטלעכע אָרט, ווו עס קלייבן זיך צוזאמען די אוזבעקן. דאָ קומען פאָר פארזאמלונגען, עס ווערן איינגעאָרדנט לייען-זאלן און רויטע ווינקלעך. לויט די אוזבעקישע מינהאָגים ווען קיין פרויען אין די טשײַ-כאנאס ניט צוגעלאָזן, זיי מעגן זיך באווייזן אפן גאס, פארהילט פון קאָפּ ביז די פיס אין א שווארצן צודעק — פאראנדזשא. זייערע פענעטער זיינען פארדעקט מיט א נעץ פון פערדישע האָר — טשאטשוואן. נאָר איינציקן וועט עס שוין אזוי ניט זיין. אסאך פרויען, באזונדערס יונגע, האָבן שוין אראָפּגענומען די פאראנדזשא. די פענצטער פון די איינשטאָקיקע אוזבעקישע הייזער גייען קיינמאָל ניט ארויס אפן גאס, נאָר אין סאָד, וואָס פון גאס זעט מען אים ניט. אף ביידע זייטן פון דער גאס ציען זיך ניט קיין הויכע ליימענע ווענט. קיינער טאָר ניט וויסן, וואָס עס טוט זיך אינווייניק באם אוזבעק אין שטוב.

אף איינער א גאס האָבן מיר באגעגנט א גרויסן פיאָנער-אָטריאד פון אוזבעקישע כעווריע, וואָס האָבן אפן קאָל געזונגען רוסישע קאָמיוגישע לידער. אפן וועג האָבן מיר באגעגנט קאָמיוגיסטן און קאָמיוגיסטקעס פון דער אָרטיקער באפעלקערונג. דער ניורעך וואקסט אוף, די יוגנט, וואָס איז נאָך ניט לאנג געווען דערשלאָגן — איצט קאָמיוגיסטן און פיאָנערן — לערנט זיך אין די שולן, בויט א ניי לעבן.

אף צוריקוועג האָבן מיר שיר ניט צעקוועטשט צוויי אוזבעקן, וואָס זיינען געזעסן אף די שפיץ פינגער אינמיטן וועג און האָבן רויק געשמועסט. דערנאָך האָט מען אונדז דערציילט, אז ווען די אוזבעקן רוען, זיצן זיי אָפּ שאָעניווייז אף די שפיץ פינגער.

## קאפיטל פינף

# פערגאנע

אפן אנדערן טאָג פארנאכט זיינען מיר געקומען צופאָרן קיין פערגאנע, די לעצטע שטאָט אף אונדזער וועג. אירע איינוווינער פארנעמען זיך מיט בוימוואָל-צוכט, האנדל מיט פרוכט און גרינס. דאָס קליינע שטעטל, וואָס האָט פריער ניט פארמאָגט קיין שום אינדוסטריע, הייבט

זיך בעהאַ־ראָגע אָן צו אוטוויקלען. אין פּערגאַנע זיינען פאַראַן עטלעכע בוימוואָל-רייניקנדיקע זאַוואָדן, וואָס באַאַרבעטן דעם בוימוואָל פון די אַרומיקע קאָלווירטן און ראַטווירטן. פאַראַיאָרן איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג אַ בוימל-זאַוואָד, אויסגעשטאַט לויטן לעצטן וואָרט פון דער אויס-לענדישער טעכניק, אָף אויסצואַרבעטן בוימל פון בוימוואָל-קערנער. אין פּערגאַנע אַנטוויקלט זיך אויך די טעקסטיל-אינדוסטריע. כוץ דעם איז דער פּערגאַנישער ראַיאָן רייך מיט מינעראַלן און פאַרמאָגט אַ גרויסע אינדוסטריעלע צוקונפט.

אין דער געגנט גייען קימאַט קיינמאָל ניט קיין רעגנס. קעדיי צו קעמפן מיט דער טריקעניש, זיינען איבער דער גאַנצער שטאָט און איבער די פעלדער דורכגעגראָבן אַריקן (גראָבנס), וואָס זיינען אָנגעפילט מיט וואַסער פון די באַרג-טייכן.

אויפהייבנדיק אַ שרעקלעכן שטויב איבער די גאַסן, „פאָרן אַרומ" אַרבעס-וועגענער אָף צוויי הויכע רעדער, וואָס זיינען אָפט העכער פון די פערד... זיי זיינען געמאַכט געוואָרן אַזוי צוליב דעם, אַז זיי זאָלן קאָנען פריי אַריבערפאָרן די אַריקן און ניט בלייבן שטעקן אין שטויב און קויט. אין פּערגאַנע איז פאַראַן זייער אַ גרויסער רוישיקער מאַרק און אַסאַך קאָאָפּעראַטיוון.

ווען מיר זיינען געקומען, האָבן מיר באַשלאָסן גלייך זיך אַוועק-לאָזן אין באָד.

אין מעשעך פון צוויי טעג האָבן מיר איינגעקויפט קאָלערליי נייטי-קע פּראָדוקטן: גרויפּן, קאָנסערוון, קאַקאַאָ, שאָקאָלאַד, צוקערס, ליכט, שוועבעלעך, נאַפט און ספּירט. מיר זיינען דאָך געפאָרן אַהין, ווו עס זיינען ניט נאָר ניטאָ קיין קאָאָפּעראַציון, נאָר אפילו אַ מענטש-לעכן ייִשעוו טרעפט מען זייער זעלטן.

אַפן אַנדערן טאָג איז אונדז אַנטקעגן געקומען צופאָ־ן פון פּאַמיר אַ מיטאַרבעטער פון דער געאָלאָגיש-טאָפּאָגראַפישער גרופּע י.וו. לאַדקין, וואָס איז אַרויסגעפאָ־ן פריער פאַר אונדז. ער האָט דערציילט, אַז עס איז אומגעקומען דער געלערנטער אָף אויסצופאָרשן די גלעטשערס כאַ-וועד פּ.פּ. ראָגאָוו.

אָט וואָס ער האָט אונדז דערציילט: „וואַסער האָט ניט ליב צו שפּאַסן מיטן מענטשן. פיאָדער פיאָדעראָוויטש איז געווען אַ געניטער רייזנדער און איז שוין פריער געווען אָף פּאַמיר. איינמאָל איז אים אויסגעקומען

אריבערפאָרן איבערן סאמע גרעסטן בארג-טײַך אין יענעם ראיאָן מוזק-סו. ער טיילט זיך פאנאנדער אף צסאך ארבל. צופאָרנדיק צום סאמע ברייזנדיקן ארבל, האָט ס.פ. ראָגאָוו אויסגעקליבן אף אריבערצופאָרן דעם סאמע ברייטן, ד.ה. דאָס שטילסטע אָרט. ווי נאָר ער איז ארײַנגעפאָרן אין וואסער, האָט א שטורנישע קעסלגרוב אריינגעשלעפט דאָס פערד מיטן רײַטער און עס האָט זיי אוועקגעטראָגן. אָבער דאָס וואסער האָט זיי גלײַך ארויסגעוואָרפן אף א קליינעם זאמד-באנק. פיאָדער פיאָדעראָוויטש האָט זיך פארפלאָנטערט אין א פיכהאלטער באם זאָטל פונעם פערד, וואָס איז געלעגן א פארכלינעט, און אנשטאָט צו באפרײַען די פיס, האָט ער פארלאָרן געפּאָכט ביס די הענט. דאָס פערד האָט זיך פאר עפעס דערשראָקן, איז פלוצלינג אָפגעשפרונגען און, שלעפנדיק נאָך זיך ראָגאָוון, האָט עס זיך א וואָ געטאָן אין וואסער—עס ה אים ווײַטער אוועקגעטראָגן, ווי א שפענדל. אפן וואסער האָט זיך עטלעכע מאָל באוויזן דאָ דער קאָפּ פונעם רײַטער, דאָ דער קאָפּ פונעם פערד, אין דערנאָך זיינען זיי ביידע ניט געוואָרן. איינגעבן האָט דאָס וואסער ארויסגעוואָרפן דאָס פערד אפן ברעג, קוים א לעבעדיק, און פיאָדער פיאָדעראָוויטשן האָט מען טאקע ניט געפונען. אזוי איז אומגעקומען דער דרייסטער געלערנטער". די דאָזיקע דערציילונג האָט אונדז געוויזן, ווי שווער און געפערלעך עס וועט זיין אונדזער נעסיע.

א דענקמאָל דעם כ׳ פראָגאָוון אפן ברעג טײַך מוזק-סו.

מיר האָבן אָנגעלאָדן אלע אונדזערע פארגרייטונגען אף זיבן געזאָטלטע פערד און דעם 8-טן איוגוסט האָבן מיר זיך רײַטנדיק געלאָזן אין וועג.

## קאַפּיטל זעקס

# רײַטנדיק איבער בערג

צוליב דעם, וואָס אַף אונדזער וועג האָבן זיך באַוויזן צוויי באַנדעס באַסמאַטשעס *, וועלכע האָבן די טעג באַראַבעוועט א קירגיזישן פּראָ-דוקטן-פּונקט, האָבן מיר גענומען מיט זיך א רויטאַרמייִשע וואַך — א רײַטער-וזוואָד פֿון 15 מענטשן.

מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצופֿאָרן א קי̇לאָמעטער, ווי עס איז געשען מיט אונדז אַזאַ מין צופֿאַל: איינס פֿון די אָנגעלאָדענע פֿערד האָט זיך דערשראָקן, א ריס געטאָן זיך פֿאָרויס און אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די פּעק. אַלע פֿערד האָבן זיך דערשראָקן און זײַנען געוואָרן ווילד. עס האָט זיך אויפֿגעהויבן א וואָלקן שטויב. מע האָט גאָרניט געזען. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס הירזשען פֿון די פֿערד און געשרייען: „שטיי! וואוהין! טרר! כרר!“ מיט שוים אַף די ליפּן, בריקענדיק זיך מיט די פֿאָדערשטע און הינטערשטע פֿיס, האָבן זיך די פֿערד א ריס געטאָן און פֿאַרצווייפֿלט זיך אוועקגעטראָגן. פֿון אָנהייב איז געווען שווער זיך צו פֿאַנאַנדערקלײַבן, ווער אַף וועמען עס זיצט, — צי די רײַטער אַף די פֿערד אָדער פֿאַרקערט. נאָר אַזוי ווי מיר אַלע זײַנען ניט צום ערשטן מאָל געזעסן אין א זאָטל, האָבן מיר זיך אײַנגעהאַלטן און מיט גרויס מי אָפּגעשטעלט די פֿערד. נאָר לאַדקינען האָט ניט אָפּגעגליקט. זײַן האַלב-ווילד קירגיזיש פֿערדל האָט זיך אַזוי צעווילדעוועט, אַז פֿריער איז בײַ אים אַראָפּגעפֿאַלן דער הוט, אַרויסגעפֿאַלן דער קאַנטשיק, און דערנאָך האָט ער זיך אַליין בע-שאָלעם אַראָפּגעקײַקלט אין שטויב.

אונדזער גרופּע האָט געהאַט א קריגערישן אויסזען. פֿאָרויס זײַנען געפֿאָרן, באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, רויטאַרמייער. נאָך זיי די אָנ-געלאָדענע פֿערד און צום סוף אונדזערע פֿינף אַלפּיניסטן, אויך באַוואָפֿנט מיט ביקסן און מיט א גרויסן קוילן-רעזערוו.

אונדז בײַדן האָט מען גלײַך פֿון אָנהייב א נאָמען געגעבן „קליינוואַרג“. אַזאַ צונעמעניש האָט מען אונדז געגעבן דערפֿאַר, וואָס מיר זײַנען געווען די ייִנגסטע אָנטיילנעמער פֿון דער עקספּעדיציע. אינגיכן האָט זיך דאָס

* באַסמאַטשעס — ווײַסבאַנדיטן, וואָס באַשטייען פֿון אָרטיקע גוטסבאַזיצער, בײַעס, בע-ראָש מיט ווײַסגוואַרדייער, וואָס זײַנען אַריבער די גרענעץ פֿון כינע און אַפֿגאַניסטאַן,

צונעמעניש איינגעבירגערט און איז פארבליבן ביז היינטיקן טאָג. מיט אונדז איז מיטגעפאָרן (אף צו זאמלען קאָלעקציעס באלכמיים און געוויקסן) א מיטארבעטער פון לעניגראדער זאָאָמוזיי — דער זאָאָלאָג א.וו. שעל — זייער א חויל, פריילעכער יאטל, נאָר א ביסל א קנאפער בעריע. מיר האָבן אים א נאָמען געגעבן „וואסיע דער כיטיקער".

דער וועג, אף וועלכן מיר זיינען געפאָרן, איז מיטאמאָל אוועק שטייל אין די בערג ארײַן. רעכטס זיינען פון אויבן אראָפּגעהאנגען פעלדזן, לינקס אונטן האָט איבער שטיינער געשטאָמט א ברויזנדיקער בארג-טײַך. אפן וועג האָבן מיר געשמועסט מיט סעמיאָן נאדטאָטשיען — א פריילעכער און דרײַסטער רויטארמייער פון פאמירער גרענעץ-וואך, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז, צוליב היטן אונדז און צוזען די פערד.

— דערציילט אונדז עפּעס פון דײַן שלאכט-לעבן, — האָבן מיר געבעטן סעמיאָנען, — ס'איז דיר דאָך זיכער ניט איינמאָל אויסגעקומען צו זײַן אין שווערע געפלעכטן.

— יאָ, ניט לײַכט איז אונדז אָנגעקומען צווישן בערג און טײַכן צו פאר-טיידיקן אונדזערע גרענעצן פון די באסמאטשעס און קאָנטראבאנדיסטן. די באסמאטשעס פאלן קיינמאָל ניט אָן אף אונדז אָפן. זיי ראבעווען נאָר בא דער פרידלעכער באפעלקערונג. אף אונדז אָבער פאלן זיי אָן ערגעץ פון א ווינקל און מאטערן שרעקלעך די רויטארמייער, וואָס פאלן צו זיי ארײַן.

צײַטנווײַז פלעגן מיר געפינען אונדזערע געלעם-געוואָרענע כעווערע מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, מיט אן אָפּגעשניטענער נאָז, אויערן אָדער אינגאנצן צעשניטענע אף שטיקער. אפן ברוסט בא זיי איז געוויינלעך געווען אויסגעשניטן א רויטער שטערן אָדער א סערפּ און האמער. אזוי פלעגן אוב-קומען די רומפולע קעמפער — די העלדן פונעם ראטנלאנד.

— איינמאָל זיינען מיר זאלבעפערט געבליבן אין פעסטונג, — דער-ציילט סעמיאָן, — די איבעריקע זיינען אוועקגעפאָרן אף אן אָפּעראציע קעגן די באסמאטשעס. ווען די באסמאטשעס האָבן דאָס דערשמעקט, האָבן זיי באשלאָסן פארכאפּן די פעסטונג. אינמיטן דער נאכט האָבן די הינט שרעקלעך אָנגעהויבן בילן און מע האָט אָנגעהויבן שיסן פון אלע זײַטן. אין מעשעך פון איין רעגע זיינען מיר שוין געווען אף די פיס.

— שלעפּט ארויף דעם קיילנווארפער אפן בערגל, — האָב איך א גע-שריי געטאָן צו די יאטן און אליין בין איך אוועקגעלאָפן נאָך די פּא-

טראַנער. מיר האָבן זיך ארופגעקליבן אפן בערגל. נאָר ווויזן צו שיסן ווייסן מיר ניט, — ס'איז אזא פינצטערניש, כאָטש שטעך אויס די אויגן, עס פלאקערן נאָר אוף אין פארשיידענע ערטער פײַערלעך פון די שאָסן און ארום און ארום פײַפן די קוילן. ווײַזט אויס, אז זיי זיינען דאָרט אסאך, די סייוואַלים. עס האַלט מיט אונדז שלעכט. טראכטן מיר, — אַף הילף וועלן מיר זיך דאָך פריער ווי אינדערפרי ניט דערווארטן.

— און איך האָב עפעס צוגעטראכט, כעווערע, — האָט אויסגעשריען דער וויצלער יאשקע און איז אראָפגעלאָפן אינטן. אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט מיט א זאק קארטאָפל און מיט א פלאש נאפט. ער האָט אײַנגעטונקט איין קארטאָפל אין נאפט, ארופגעזעצט אים אפן שטעקן, אָנגעצונדן און א לאָז געטאָן. ס'איז גלײַך געוואָרן ליכטיק. דאָ האָבן מיר ערשט פארשטאנען יאשקעס אײַנפאל. די יאטן האָבן זיך פאנאנדערגעשטעלט בא זיי וועגס און האָבן פון דרײַ ערטער אָנגעהויבן ווארפן ברענענדיקע קארטאָפל. ס'איז געוואָרן ליכטיק ווי באטאָג און איך בין אוועק שיסן פון קוילנווארפער. די באנדיטן האָבן ניט פארשטאנען וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן אין פאניק אָפטרעטן צוריק. אזוי האָבן מיר זאלבעפערט פארטיידיקט די פעסטונג. און נאָר דאן, ווען די כאווערים האָבן זיך אומגעקערט אינדערפרי און האָבן דערזען די טויטע קערפערס פון די באסמאטשעס, האָבן זיי זיך בעעמעס איבערצײַגט אין אונדזער באַנאכטיקן קאמף.

די באסמאטשעס ברענגען אונדז אסאך שאָדן און ס'איז שווער מיט זיי צו קעמפן. זיי העצן אוף קעגן זיך די אָרטיקע באפעלקערונג, שטערנדיק איר אין איר פרידלעכער ארבעט. יעדער קירגיז איז גרייט צו ווארפן זיין ווײַב, די קינדער און די ווירטשאפט און מיט א ביקס אין האנט גיין שלאָגן די באסמאטשעס.

דערמיט האָט סעמיאָן גענדיקט זײַן דערציילונג. 9 אזייגער אין אָוונט בא א טולשטענדיקער פינצטערניש, זיינען מיר געקומען צו פאָרן צו אונדזער ערשטן אָפשטעל-פּונקט, צו א קליינעם בארג-קישלאק * קאראול. ווען מיר האָבן פאנאנדערגעזאָטלט און אָנגעפיטערט די פערד, האָבן מיר אָפגעגעסן א וועטשערע פון פּילאוו ** און האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

* אזוי הייסט בא דער אָרטיקער באפעלקערונג, בא די קירגיזן, א דארף.

** אן אָרטיקער נאציאנאַלער מאכל, וואָס באשטייט פון געפרעגלטע שעפסן-פלייש מיט רייז.

## קאפיטל זיבן

# באסמאטשעס

הײַנט איז דער סיגנאל אף אופצושטײן געווען האלב זעקס אויגער. ווען מיר האָבן אָפּגעטרונקען טיי מיט פּלעצלעך פון ניט געזײַערטן טייג און מיט אוריוק *, האָבן מיר זיך גענומען אָנלאָדן און זאָטלען די פערד. מיר האָבן באלד געדונגען א „קאראוואן באשעס" — אָנטרייבער פאר אונדזערע מיט לאסט געזאָטלטע פערד און, באקומענדיק אפן וועג צו א הויפן אוריוק און צו א פלעצל, האָבן מיר זיך 9 אזייגער געלאָזן אין וועג ארײַן.

פארן סאבע ארויספאָרן פון קישלאק האָבן מיר פלוצלינג דערהערט פארצווייפלטע געשרייען און קוויטשערײַען. סעמיאָן איז גלײַך אוועקגעפאָרן זיך דערוויסן, וואָס קומט דאָס פאָר. אין א מינוט ארום האָט ער זיך מיט א ברייטן שמייכל אפן פּאָנעם אומגעקערט צוריק. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אן אוזבעק האָט געשלאָגן און געשלעפּט פאר די האָר אין ליים-שטיבל ארײַן זײַן „מארדושע" — די פרוי, דערפאר, וואָס זי איז ארויסגעגאנגען א קוק טאָן אף די פארבײַפאָרנדיקע. יאָ, דאָ זיינען נאָך ניט פאראן קײַן פרויען-אָפּטיילן, קײַן דעלעגאטקעס, און עס וועט נאָך אויסקומען אסאך צו ארבעטן, ביז מיר וועלן אפּ מיורעך באפרײַען די פרוי און ביז כיר וועלן מאכן אזוי, אז זי זאָל קענען אָנפירן מיט דער מעלוכע.

הײַנט זיינען מיר געפאָרן אין אן אנדער אָרדענונג — פאָרויס דער קאָמוזוואָד מיט 8-6 רויטארמייער, דערנאָך מיר אלע, און הינטער אונדז די אָנגעלאָדענע פערד, די אָנטרײַבער און די איבעריקע רויטארמייער. דער וועג איז ענלעך געווען צום נעכטיקן, נאָר דער בארג-שפּאלט איז געווען שמעלער און די שטענן זיינען געוואָרן שטיילער. די הוילע פעלדזן האָבן זיך געהייבן שטארק אינדערהייך און צווישן זיי האָט זיך מיט א גוואלדיקער קראפט ווישיק געטראָגן א שמאָלער בארג-טײַך. צעקלאפּנדיק זיך אָן די קאָלאָסאלע שטיינער, שפריצט זיך דאָס וואסער פאנאנדער אף טויזנטער דראָבנע שפריצלעך, וואָס גלאנצן אף דער זון. צעפליענדיק זיך אינדערהייך, באדעקן זיי אונדז אָפּטמאָל מיט א קעלטן,

* אבריקאָסן, געטריקנטע אפן זין.

אָפּטרישנדיקן וואַכער-שטויב. מיר באַווייזן זיך כראַט בא טראַכ, זייער פּאַמעלעך. אפן וועג באַגעגענען מיר דריי אוזבעקן, שטעלן זיך אָפּ, וואַרטן, ביז זיי וועלן פאַרבײַפאָרן. און דריקן זיך צו צום פעלדז, קעדיי צו מאַכן זיי א וועג, ווײַל אַנדערש איז ניטאָ קײַן אָרט, — ס'איז שמאָל. די אוז-בעקן דערציילן אונדז, אַז די באַסמאַטשעס זיינען געווען אין קישלאַק דאַראַוט-קורגאַן, דורך וועלכן מיר וועלן דאַרפן דורכפאָרן. זיי האָבן דאָרט אַלץ צעראַבעוועט און איצט האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזן אין די בערג.

מיר פּילן זיך גוט און מונטער. ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש פאָרט אָפט אָפּ אין א זײַט, קעדיי צו דערהאַרגענען עפּעס א פייגעלע פאַר אונדזער כימיקער, און מיר באַטראַכטן דורכן בינאָקל די בערג, וואָס רינגלען אונדז אַרום, און וואַרטן מיט אומגעדולד, אַז אָט-אָט וועלן זיך באַווייזן די באַס-מאַטשעס. אונדז ווילט זיך זייער אויספּרוּוון אונדזערע קויכעס. נאָר די באַסמאַטשעס, זעט מען, זיינען ערגעץ ניט.

סטאַכן גייט עפּעס א ביסל ניט, אף זײַן כיילעק איז געפאַלן עפּעס א שלעכטער אומרויִקער פערד, וואָס הייסט „גאַבבורג".

— בייט אים איבער אף א רויִקן, — האָבן אַלע געייצעט סטאַכן.

— ס'מאַכט ניט אויס, איך וועל זיך ספּראַווען ניט אים, — האָט ער געענטפערט.

נאָר אינגיכן האָט סטאַך כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט ניט געפאָלגט אונדזערע אייצעס.

לענגאויס דעם וועג האָט זיך די גאַנצע צײַט געצויגן א שטורמישער טײַך. די ברעגן זײַנען אין אייניקע ערטער געווען זייער שטייל, און דאָס שטעגל האָט זיך געכוואַט אַריבערוואַרפן אף דער אַנדערער זײַט טײַך. אַזוי ווי וועגן אַזא אָרט איבערן טײַך, וווּ מע זאָל קאָנען דורגיין צו-פוס, האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, האָט מען געמוזט אַריבערגיין דורך „בריקעלעך", נאָר מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער דאָזיקער אויפן זאָל זײַן זייער אָן אָנגענעמער. אף א הויכן אין אומאָרדענונג אָנגעוואַלגערטע שטיי-נער זײַנען „פּאַרפּעסטיקס" צוויי באַלקנס, וואָס העגנגען צעכנווײַז אף א גאַנץ גרויסער הייך. אפן אַנדערן ברעג זײַנען די דאָזיקע באַלקנס „פּאַר-פעסטיקט" אויך אָן ערעך אף אַזא מין אויפן. אף די דאָזיקע צוויי באַלקנס זיינען אָן שום פאַרפעסטיקונג אַוועקגעלייגט פּאַראַלעל דעם טײַך קלעצער, און דאָס איז אַלץ. איבער דעם דאָזיקן בריק קאָן מען פאָרן נאָר איינציקווײַז און כראָט בא כראָט. אָבער אויך דאָס העלפט ניט.

ווען דו זעסט, אַז ווען נאָך ערשטער כאַמער פּנים אַריבער, דער בריק טרייסלט זיך, און פון אונטער אים פאַלן אַראָפּ אין וואַסער גאַנצע שטיינער, שלאָגט דאָס שוין בא דיר דעם גאַנצן חשק אַרופצוגייען צו פון בריק, נאָר נאָך ערגער איז, ווען די גייסט אַליין: דער פערד האָט מורא, דער בריק אונטער דיר טרייסלט זיך, די קלעצער רוקן זיך, און די פּערספּעקטיוו אַראָפּצוקייקלען זיך אין קאַסקאַל, אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פונעם שטורעמדיקן וואַסער, וואָס רייסט די אויערן, דערגאַנצט נאָך די אַזוי אויך „אָנגענעמע" איבערלעבונגען. עס וואָלט נאָך געווען ניטקאָשע, ווען עס וואָלט אויסקומען אַריבערצוגיין אַזאַ בריקל איינמאָל אָדער צוויי — פּאָרט א געוויסע פאַרשיידנאַרטיקייט. נאָר צום אומגליק פלעגן זיך אומעטום בריקלעך, וואָס האַלטן זיך אַף „הינערשע פיסלעך", טרעפן קימאַט יעדע האַלבע שעה.

„גאַמבורג" האָט מורא געהאַט פאַר וואַסער, און דערצו איז ער געגאַנגען הינטער אַן אַנדער פערד; ער וויל זיך פאַר קיין שום פאַל ניט אָפּשטעלן, ביז דער פאָדערשטער פערד שטעלט זיך ניט אָפּ.

מיט גרויס מי פלעגט מען אויסקומען איינצוהאַלטן בא א בריקל דעם פערד. אָבער ווי נאָר דער פאָדערשטער פערד פלעגט אַריבערגיין דעם בריק פלעגט „גאַמבורג" מיט גאַלאָפּ זיך לאָזן איבערן בריק, וואָס האָט זיך געבויגן און געטרייסלט, ווי אין א קאַדאָכעס. נאָך יעדן אַזאַ בריקל פלעגט ג. וו. זיך זידלען אַף וואָס די וועלט שטייט:

— קאָנסט ניט צופירן מיטן פערד, כאָ זעץ זיך ניט אַף אים. דיך איז קיין שאָד ניט, ס'איז נאָר א שאָד די בריקלעך, אַניט ווי וועלן מיר אַריבערפירן דאָס געפּעק.

4 אויגער זײַנען מיר געקומען צופאָרן אין א קליינינקן באַרג-קישלאַק ליאַנגאַר, ווו מיר האָבן כאַקע באַשלאָסן איבערצונעכטיקן. מיר, באַרבאַש, ניקיטין און די 8 רויטאַרמייער, מיטן קאָמזוואָד בעראָש, זײַנען געקומען אַהין די ערשטע.

דאָס געפּעק מיט פינף רויטאַרמייער זײַנען אָפּגעשטאַנען אַף 2-3 קילאָמעטער, און ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש מיט וואַסיע דעם כימיקער האָבן דערזען, ניט ווײַט פונעם קישלאַק ווילדע טויבן, זײַנען אַראָפּ פון די פערד און זיך אָנגעהויבן נאָך זיי אַרויף אין די בערג.

אין ליאַנגאַר זײַנען פאַראַן עטלעכע אינגאַנצן פוסטע מאַזאַנקעס, וואָס ווײַטערע אײַנוווינער זײַנען מיסטאָמע אַוועק אין די בערג

בערג אף די זומערדיקע פיטער-לאַנקעס, אדער זיי זײַנען זיך צעלאָפן פון שרעק פאר די באסמאטשעס. צווישן די מאזאנקעס איז פאראן איין טשײַ-כאנא מיט א גרויסן הויף פאר פערד. אין איר וווינען צוויי באַ-לעבאטים. מע בויט דאָ טשײַ-כאנעס אומעטום ווו עס זײַנען פאראן מענטשן, און אָפט אויך דאָרט, ווו קיין מענטשן זײַנען ניטאָ.

עפעס אומהיימלעך האָט אויסגעזען צווישן די בערג אָט דער פוס-טער יישעוו.

— און מיר האָבן זיך געקליבן איינקערן דאָ שעפסן-פלייש און פלעצ-לעך, — האָט געזאָגט מיט פארדראָס באַרכאַש.

דאָס געפעק איז נאָך ניט אָנגעקומען און פון וואָס צו קאָכן אָוונ-ברויט איז דערווײַל ניטאָ. מיר האָבן באשלאָסן זיך אָפצורוען. די ביקסן און פאטראָנטאשן האָבן מיר אראָפגענומען פון זיך און צונויפגעלייגט אין א ווינקל. די פערד האָבן מיר פאנאנדערגעצוימט, אָפגעלאָזן די פאָדפרוגעס און ארײַנגעפירט אין הויף.

— גיין עפשער זיך ארומוואשן, — האָט פאָרגעלייגט וויקטאָר ניקיטין.

— יאָ, עס וואָלט ניט געשאדט זיך אָפּפרישן אביסל, — האָבן אלע באשלאָסן.

מיר האָבן גענומען זייף און האנטעכער און האָבן זיך געלאָזן ארָאָפּ צום קאלטן בארג-טײַך.

פלוצלינג באווײַזט זיך, שפרינגענדיק קאריער, נ. יו. קרילענקאָ, אָנ-טרײַבנדיק מיט אלע קויכעס דעם פערד. לאָזט ער זיך אין אונדזער ריכטונג. לויט זײַן פּאָנעם און לויטן פארשוימטן פערד האָבן מיר גלײַך פארשטאַ-נען, אז ס׳איז עפעס ניט גלאַטיק.

— וואָס טוט איר דאָ? ווו זײַנען די רויטארמייער? די באסמאַ-טשעס ריגלען ארום דעם אָבאָז. אונדזערע שיסן צוריק. און איר, שיי-דים, זײַט אוועקגעפאָרן פּאָרויס.

— ווו זײַנען די באסבאטשעס, וויפל זײַנען זיי? — האָבן מיר אלע אין איין קאָל ארויסגעשריען.

— כאפּט די ביקסן און אף די פערד! — האָט אויסגעשריען ניקאָלײַ וואסיליעוויטש און איז אוועקגעריטן צו דער טשײַ-כאנא.

די זייף, די האנטעכער — אלץ איז אוועקגעפלויגן אָן א זײַט, און מיר זײַנען פײַל פון בויגן אוועקגעלאָפן נאָך אים.

עס האָט זיך באלד דערהערט די קלאָרע און דײַטלעכע קאָמאנדע פונעם קאָמזוואָד.

— אינטערציִען די פּאָדפּרוהעס! אף די פערד. אין גאלאָפּ, מארש!

נאָר בא אונדז איז עס געגאנגען פאמעלעכער, ווי בא די רויסאר־מייער. זיי זײַנען שוין ארויסגעפאָרן מיט די אָנגעשטעלטע ביקסן און מיט די גראנאטעס אין די הענט, און מיר האָבן זיך נאָך אלץ געפאָרעט ארום די פערד. סטאך האלט זיי צו און אריק פארצוימט און ציט אונ־טער די פּאָדפּרוהעס. די פערד ווילן ניט אײַנשטיין אף אן אָרט און רײַסן זיך פאָרויס. אויך בא אונדז ציטערן פון אופרעגונג די הענט, — עפעס וועט באלד פאָרקומען, — ס'איז אי אינטערעסאנט, אי שרעקלעך. דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר זיך דאָך אין אזא לאגע. פון איין זײַט, איז עפעס אומהיימלעך, און פון דער צווייטער — צופיל כוואטישקייט. וואָס וועט זײַן, אויב זיי וועלן אונדז נעמען אין געפאנגענשאפט און וועלן אונדז מאטערן, ווי סעמיאָן דערציילט, און וואָס, אויב מיר וועלן זיי פאקן, מיר וועלן אוועקשיקן זיי אין פערגאנע און דערנאָך וועלן מיר זיך גרויסן - אָט, איר זעט, מיר האָבן אָנטייל גענומען אין ליקווי־דירן א באסמאטשישע שײַקע.

אזויווי ניקאָלײַ חאכיליעוויטש האָט צוגענומען בא סטאכן די ביקס, כאפט ער די צענטראלקע — ס'וועט אלץ צונוץ קומען. עס גייט ניט אוועק קיין מינוט, און אויך מיר זײַנען שוין אף די פערד און טראָגן זיך נאָך די אונדזעריקע אָנלאָדנדיק אין גאנג די ביקסן. שטײנער בלויז צעפליִען זיך אין דער ווײַט.

אפן וועג איז געווען א ניט קיין גרויס פאסקודנע בריקל. נאָר דאָס בריקל איז באלד געבליבן הינטער אונדז. די פערד זײַנען ווי אריבער־געשפרונגען איבער דעם.

אין פינף מינוט ארום זײַנען מיר שוין אלע אראָפּ פון די פערד און זיך אָפּגעשטעלט לעבן א גרויסן שטיין, וווהין עס זײַנען שוין צוגעפאָרן אונדזערע געלאָדענע פערד. מיר האָבן באהאלטן די פערד הינטער די פעלדזן און האָבן אָנגעהויבן שיסן אין דעם שטיילן שטיינער־אָפּשיט, וואָס האָט זיך געפונען אנטקעגן אונדז.

ווען מיר האָבן זיך צוזאמט אָנגעשאָסן פון די ביקסן און נאהאנעס האָט זיך אונדז פארוואָלט דערוויכן. ווו זײַנען סאָרט די באסמאטשעס.' נאָך בייסן שיסן האָבן דער קאָמאנדיר פונעם ווזוואָד און כ' קרילענקאָ

באקוקט דעם אָפּשיט דורך א גרויסן בינאָקל, נאָר זיי האָבן קיין זאך ניט געפונען. פון אָנהייב האָט אויסגעזען פּאַרדעכטיק א גרויסער ווײַסער שטיין, וואָס האָט זיך געפונען אויבן אויפן אָפּשיט. נאָר נאָך דעם, ווי מיר האָבן דעם שטיין ווי געהעריק באַטראַכט, איז אויך דער פאַרדאַכט אָפּגעפאַלן. די באַנאַנעס זײַנען אין ערגעץ ניט געזען.

צוזאמען מיטן געפּעק און מיט אַלע דרכאַרבייטער האָבן מיר זיך צוריק אומגעקערט אין דער טשײַ-כאַנא. אף יעדן פאַל האָט דער קאָמאַנדיר ארויסגעשטעלט וועכטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט, ווי עס פירט זיך דאָ געוויינלעך, אפן פלאכן דאך פון דער טשײַ-כאַנא. דער דורכאַרמייער גייט זיך ארום איבערן דאך, און אלץ ארום איז בא אים פאַר די אויגן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געגעבן עסן די פערד, האָבן מיר זיך פאַרזאמלט באַם פײַער און אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן די דורכאַרמייער, וואָס זײַנען געפאָרן מיטן געפּעק, ווי איז עס אלץ פאָרגעקומען און ווו האָבן זיי געזען די באַסמאַטשעס.

— די מײַסע איז אזוי געווען, — דערציילט איינער פון זיי, דער עלטסטער פונעם אָטריאַד, — מיר פאָרן ארויס און פאַרקערעווען צו דעם דאָזיקן אָפּשיט. דער טײַך רוישט, אזוי אז ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, קען מען ניט הערן. נאָר עס האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אז מע שיסט ערגעץ. מיר קוקן אפן אָפּשיט און זעען, — עס קײַקלען זיך קלייניקע שטיינדעלעך און עס הייבט זיך א שטויב. צבער קיין מענטשן זײַנען אין ערגעץ ניטאָ. איז אָט האָבן מיר געזען, אז באַסמאַטשעס זיצן אויבן אפן אָפּשיט הינטער די שטיינער און באַשיסן אונדז. מיר האָבן זיך אויך אויסגעלייגט און האָבן אָנגעהויבן שיסן צוריק, און איינעם האָבן מיר געשיקט צו אײַך נאָך א הילף.

ווען מיר האָבן אויסגעהערט זײַן דערציילונג, האָבן מיר באַשלאָסן, אז קיינע שום באַסמאַטשעס זײַנען ניט געווען, און אויב זיי האָבן יאָ געהערט שיסן, האָבן דאָס געשאָסן כ׳ קרילענקאָ און דער כימיקער, וועלכע זײַנען דאָרט געווען אף געיעג. און דער שטויב און די שטיינער זײַנען געווען צוליב דעם, וואָס אף אזעלכע אָפּשיטן קומען פאָר אָפּוואַלגערן אפילע צוליב א קלייניגק ווינטעלע. און דערצו וואָלטן די באַסמאַטשעס זיך גאָרניט געקאָנט אײַנהאַלטן אף אזא שטיילן אָפּשיט.

— איז מאַקע בעסער, וואָס ס'איז קיין זאך ניט פאָרגעקומען, — האָט

נס דער קאָמוזחאָד, — פריער אָדער שפּעטער וועט אונדז אויסקומען זיי זיך באַגעגענען.

נס האָט באלד אופגעקאָכט דער אָוונטברויט — א פעטער זופּ פון סן-פליש. ווען מיר האָבן אָפגעגעסן און אויסגעטרונקען טיי, האָבן זיך צוגעדעקט מיט די פּעלצלעך און אײַנגעלייגט זיך שלאָפן אף ליימענער פּאָדלאָגע פון דער טשיי-כאנע.

מיר ביידע האָבן לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. אַרום און אַרום איז עטן אַן אומהיימלעכע שטילקייט, וואָס ווערט איבערגעריסן פון צײַט צו צײַט מיט סך-געברויש און ניט אָפּטן פאָרשקען פון די פערד. א מווערדיקע בטערניש האָט זיך אראָפּגעלאָזן אפן טאָל, דעם פאַרלאָרענעם צווישן בערג-שפּאַלטן. די געשעענישן פון הײַנטיקן טאָג האָבן ניט אויפגעהערט צו כן אין קאָפּ. און עפּשער האָבן די באַנדיטן אויבערשטע ניט געענטפערט אַנדערע שאָסן, קעדייי באַנאַכט אומגעריכט אָן אונדז אָנצופאַלן? די אויגן זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען בילדער פון קוסטערס ראָמאַנען מיט זיירע שטאַרק איבערגעטריבענע גרוילן. און כאָטש עס האָט זיך אַלס שלאָפן, איז אײַנשלאָפן געווען פאָשעט שווער. פּלוצלינג האָט עמעצער אָנגעהויבן באַוועגן, איז אופגעשטאַנען און באלד נאָכדעם ן זיך דערהערט זידלערײַען. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז כטאך האָט רנעסן אויפקלײַבן לעבן זיך די ביקס און האָט געוואָלט גיין נאָך איר, אפן וועג האָט ער פאַרטשעפּעט כ׳ קרילענקעס בויך. אינגיכן נאָך ם דאָזיקן „אינצידענט“ זײַנען אַלע סאָפּקאָלסאָף אײַנגעשלאָפן. אינדער-, ווען די זון האָט באַלויכטן דעם טאָל און אפן שײַנער האָט פריילעך קאָכט דער טשײַניק, האָט מען פאַרגעסן אָן אַלע באַנאַכטיקע גרוילן וועגן די באַסמאַטשעס האָט שוין קיינער גאָרניט דערמאָנט.

קאפיטל אכט

# דורך א באַרג־אַריבערגאַנג

הײַנט זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן פרי. ס׳איז אונדז פאָרגעשטאַנען דעם אָג זייער א שווערער וועג. מע האָט געדאַרפט אַריבערגיין דעם אַלײַער אַרג-רוקן דורכן באַרג-אַריבערגאַנג פין-גיו-בײַ.

געפאָרן זײַנען מיר ווי געוויינלעך, נאָר די ביקסן זײַנען בײַ אַלע-

נען געווען אָנגעלאָדן. דער כ׳ קרילענקאָ האָט אָפּגעגעבן א שטרענגן באפעל די, וואָס טירן דאָס געפעק, זיי זאָלן ניט אָפּשטיין, און אונדז אלעמען האָט ער געהייסן ניט פארפאָרן טאָרויס און האלטן זיך אלע צו-זאמען, ווייל הינטער דעם דאָזיקן בארג-אריבערגאנג אינעם קישלאק דא-ראוט-קורגאן האָבן מיט צוויי טעג צוריק געבאלעבאטעוועט די באסמאטשעס.

נאָך 3-4 שאָ טאָרן האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטייג אפן בארג-אריבערגאנג. דער וועג איז געווען א זיגזאגארטיקער. עס איז געווען ניט

(אין מארש־אנציונג: דער כ׳ קרילענקאָ און דאָס ־קליינוואוג)

שווער זיך אופצוהייבן און מע האָט געקאָנט ניט אראָפּגיין פון די פערד. פלוצלינג האָט דער רייטארבייער, וואָס איז געפאָרן פאָרויס א געשריי געטאָן:

— טוט נאָר א קוק ארויפצו!

אלע האָבן זיך אומגעקוקט און מיר האָבן דערזען אויבן אפן פעלדזעפעס א גרויסע באשעפעניש. אריק און סטאך זיינען גלייך אראָפּגעשפרונגען פון די פערד און זיינען אוועקגעגאנגען מיט די ביקסן צום פעלדז.

ווי האָבן אָבער מוירע געהאַט צו שיסן, ווייל איבער אונדז אפֿן שטעגל זיינען געהען אונדזערע" מענטשן" אין פֿערד. יעצט מיר זיינען דורכגעגאַנגען נאָך א 15–20 טריט האָבן מיר דערזען איבער די קעפּ א גרויסן אָדלער. ער האָט זיך גענומען איבערהייבן אינדערהייך און איז באַלד פֿאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער די בערג. דאָס באַשטעטיקט איז אייך ערגעץ געלעגט געוואָרן, און מיר האָבן זיך באַלד ניט דערוויסט: צי איז דאָס אן אָדלער געוועסן, צי ס'איז געווען עפּעס א בייע.

אין צוויי שאָ ארום זיינען מיר געווען איבן אפֿן באַרג-איבערגאַנג סין-גיז-בײַ (2 1 3 קילאָמעטער די הייך). א קאַלטער ווינט האָט אונדז דורכגענומען אויף ביז די ביינער. אָבער דאָס בילד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר אונדזערע אויגן האָט געצווּנגען צו פֿאַרגעסן אָן אַלץ אין דער וועלט. אונטער אונדזערע פֿיס האָט זיך געשפּרייט אין זיין גאַנצער לענג און ברייט דער אַלייער טאָל (די קירגיזן רופֿן אים „אַלײַ-טאָלײַ“). פֿון דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער הייך האָט דער הענגענדער באַרג-טאָל אין דער ווייטן, וואָס ציט זיך אויף 300 קילאָמעטער, אויסגעזען ווי א ריזיקער גרינער טעפּיך, וואָס איז צעשניטן פֿון דער שמאָלער געלער טייך-סטעזשקע. ווי א שרייִקער קאָנטראַסט צו זיינע גרינע ביטער-פֿלעצער, האָבן פֿון ווייטן אַרויסגעקוקט דורכן נעפּל די קאָנטורן פֿונעם גיגאַנטישן שניי-מאַסיוו פֿון אַלייער באַרג-ריקן. ביסלעכווייז איז ער פֿאַרצויגן געוואָרן מיט טונקעלע וואָלקנס, און עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָר איינצלנע אייז-שפּיצן. עס האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע שפּיצן זיינען אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון דער ערד, ווי וואָלטן עפּעס געהאַנגען אין דערלופֿטן, העל-לויכטנדיק אונטער די בריענדיקע שטראַלן פֿון דער זון. צופֿוסנס פֿון די דאָזיקע ריזן האָט זיך טאַקע אין דער צוקונפֿט געדאַרפֿט געפֿינען אונדזער הויפּט-באַזע.

אָפּגערוט זיך א מינוט 15-20, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן, וואָס עס איז געווען אַסאַך שווערער ווי אויפֿהייבן זיך. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זיינען אַראָפּגעקראָכן פֿון די פֿערד, האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין גליטשן און פֿאַרטשעפּען זיך אָן די שטיינער. באַזונדערס שווער איז געווען די פֿערד, וואָס האָבן געפֿירט דאָס געפּעק. נאָר אונטן איז דאָס שטעגל געוואָרן אזוי שמאָל, אַז ווען א פּאָר באַסמאַטשעס וואָלטן זיך אַוועקגעזעצט הינטער איינעם פֿון די פֿעלדזן, וואָס זיינען איבער אונדז געהאַנגען, וואָלטן זיי אונדז אַלעמען געקאָנט אויס-

שיסן, ווי די האָזן. מיר האָבן געשיקט פאָרויס אַן אויסשפּירונג, אופגעוואַרט אַף די געפּעק און פאָרזיכטיק געזוכט גיין ווײַטער אונדזער וועג. אינגיכן זײַנען מיר צוגעפאָרן צום לאַגער, וואָס די באַסמאַטשעס האָבן באַראַבעוועט. דאָס גאַנצע הויז איז געווען רויִנירט. די טירן און שויבן זײַנען געווען אויסגעבראָכן.

— עס זײַנען אָנגעפאַלן אַף אונדז באַנדיטן, — דערציילט דער שוימער פונעם לאַגער. — האָבן אונדז צוגעבונדן צום טויער, אַרופגעפּאַקט אַלע זאַפּאַסן אַף די פערד, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן אונדז ווי געהעריק צעשלאָגן, האָבן זיי אַוועקגעריטן. נאָך גוט, וואָס אײַנאָוונט האָבן אונדז פאַרבײַגײענדיקע פאַסנעכער צעבונדן. אַניט וואָלטן מיר אינגאַנצן אָפּגעקיבן.

איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך אַ באַרג-שטראָם. פאַלנדיק מיט אַ גרויסער קראַפט פון באַרג, האָט ער זײַנע וואַסערן געשלאָגן אַף אַכאַך-אַסאַך בראָקנדלעך, וואָס האָבן וווּנדערבאַר געלויכטן אַף דער זון. וואַסער איז דאָרט געווען ווייניק. נאָר עס איז מיט אַ בורעדיקער קראַפט געפלויגן פאָרויס, און פּינעם שוים, וואָס האָט זיך אַף דעם געבילדעט, איז דאָס ענלעך געווען צו דער פעל פון אַ יונג לעמעלע. איבערן שטראָם האָט געפירט זייער אַ שמאָלינק בריקל — אַ פינף-זעקס קלעצער, וואָס זײַנען אָן אַ סיידער אַרופגעוואָרפן געווען איינע אַף די אַנדערע און האָבן געשטאַרטשעט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אונדז איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך בריקן און מיר האָבן דעריבער ניט געלייגט קיין באַזונדערע אַכט אַף דעם. מיר האָבן אָן קיינע קונצן אָנגעהויבן אַריבערפאָרן איינער נאָכן אַנדערן דאָס בריקל. צוויי פערד זײַנען אַריבערגעפאָרן אינגאַנצן רויִק, נאָר דער דריטער, אַף וועלכן עס איז געזעסן דער געהילף פונעם קאָמוזוואָד, און וואָס האָט זיך אין אַלעכע פאַלן קיינמאָל ניט געהאַלטן רויִק, האָט אויך דאָס מאָל אָנגעהויבן ווילדעווען. פון אָנהייב האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קלאָץ און פון שרעק זיך אַוועקגעשטעלט אַף די הינטערשטע פיס. דערנאָך, ווען דער רײַטער האָט אים אײַנגעהאַלטן, איז ער אַ באַרויִקטער אָפּגעגאַנגען נאָך צוויי טריט, נאָר פּלוצלינג איז זײַן פוס אַרײַן צווישן צוויי קלעצער. דער פערד האָט זיך ווײַטער דערשראָקן און האָט זיך פון ווײַטעק גענומען וואַרפן אַפן שמאָלינקן בריקל. דער רײַטער האָט געוואוסט, אַז ווען זיי פאַלן אַרײַן אין אָט דעם געווירבל, וועלן זיי פון דאָרטן

שוין מיסטאמע ניט ארויסקריכן. דעריבער, ווען ער האָט געזען, אז עס הגלט שלעכט, האָט ער געוואָלט אראָפּקריכן און העלפן דעם פערד זיך באַפרייען. נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך דאָס באַשעפעניש געגומען רייסן און איז געפאלן אויף די קני, און דערנאָך איז עס ווייטער מיט א שרעקלעכער קראפט אויפגעשפרונגען אויף די פיס. דער געהילף פונעם קאָמוזוואָד, וואָס איז שוין אויף א העלפט אראָפּגעקראָכן פונעם פערד, האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן אין, נאָך איין אויגנבליק, וואָלט ער זיכער אראָפּגעפלויגן אין וואסער אריין און דאָס פערד וואָלט צעבראָכן דעם פיס, וואָס האָט זיך פארהאקט צווישן די קלעצער. נאָר ער האָט זיך ניט פארלאָרן, עפּעס מיט א נעס איז ער אראָפּגעקראָכן פון פערד און איז געבליבן ליגן אונטערן בויך פונעם גערייטעטן באַשעפעניש. נאָכדעם ווי דער געהילף פונעם קאָמוזוואָד האָט באַפרייט דעם פערדס פוס פון צווישן די קלעצער, האָט ער אים אריבערגעפירט אויף יענער זייט. נאָך דעם דאָזיקן פאַל זיינען מיר געוואָרן פארזיכטיקער און האָבן אָנגעהויבן אריבערפירן די פערד איבער בריקן, האַלטנדיק זיי פאר די צוימען.

ענדלעך זיינען מיר 4 אזייגער באַטאָג אָן שום באַזונדערע געשעענישן אריינגעפאָרן אין אליי-מאָל צום קישלאַק דאראוט-קורגאן. אלע מאַזאנקעס זיינען געווען ליידיק. פונקט ווי אין ליאנגאר, האָבן זיך אויך דאָ די איינוווינער דערשראָקן פאר די באַסמאַטשעס און זיינען אוועק אין די בערג. און ווידער האָט עפּעס שרעקלעך אויסגעזען דער דאָזיקער פוסט געוואָרענער יישעוו. מער ניט אין מעטשעט-כאנא האָבן מיר געטראָפן צוויי קירגיזן און האָבן מיט גרויס מי א ויסבאַקומען בא זיי מעל אויף פלעצלעך און האָבער פאר די פערד.

פונדאנען האָבן מיר שוין קלאָר געזען אונטערשיידן יעדן בארג באַזונדער.

— און דער ווי הייסט?

— און ווי הייך איז יענער, אָט דאָרט רעכטס? — האָבן מיר פארשאָטן מיט פראגן ניקאָליי וואסיליעוויטשן.

באַזונדערס האָבן מיר זיך אינטערעסירט מיטן לענין-שפּיץ, אויף וועלכן מיר האָבן געוואָלט ארויפגיין.

מיר האָבן געטרונקען טיי מיט פלעצלעך, וואָס זיינען געפּרעגלט געווען אויף שעפסן-שמאלץ. „בורסוקעס“ הייסן זיי. די קירגיזן האָבן דאָס זייער ליב.

דאָ איז געווען אַ ביסל קעלטער ווי נעכטן. מיר האָבן זיך אָנגעטאָן וואַרעמער, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו שלאָפֿן נים אין טשײַ-כאַנע, נאָר אינדרויסן, קעדיי איינצופֿרירן אונדזערע שלאָפֿזעק, אין וועלכע אונדז וועט אַוודאי אינגיכן אויסקומען צו שלאָפֿן אַפֿן שניי. באַנאַכט האָבן מיר ווידער אויסגעשטעלט אַ וועכטער אַפֿן דאַך.

אינדערפֿרי האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן ווײַטער איבערן אַלײַ-טאָל. דורכפֿאָרנדיק דעם בריק איבערן שטורמישן און ברייטן טײַך, קיזיל-סו (אויף קירגיזיש באַטײַט עס — רויט וואַסער), וועמעס וואַסערן עס זײַנען רויט געווען פֿונעם ליים, וואָס האָט זיך דאָרט געפֿונען, האָבן מיר מיט אַ שמאָלן, נאָר גלײַכן שטעגל גענומען איבערשנײַדן דעם אַלײַ-טאָל. איבער אונדזערע קעפּ זײַנען געפֿלויגן אַסאַך אָדלערס און אַרום אונדז האָט זיך אין אַלע זײַטן קעסיידער געלאָזט הערן דאָס גרילצנדיקע פּיפּסן פֿון די פּאַמירער סורקן, כמעלעך מיט זייער אַ שיינער פּוכיקער פֿעל. די סורקן זײַנען די גרויס ווי אַ גרויסע קאַץ. זיי לעבן אין ערד-נאָרעס. זיי זײַנען זייער בייזע. דערנערן זיך מיט גראָז און מיט וואָרצלען. בײַטאָג קריכן זיי אַרויס זיך וואַרעמען אויף דער זון און פֿון גרויס פֿאַרגעניגן פּיפּסן זיי, ווי די מיליציאָנערן. האָבן מיר זיי טאַקע דערפֿאַר אַ נאָמען געגעבן „די פּאַמירער מיליציאָנערן“.

אונדזערע יעגער גייען הײַנט נים. כייעס זײַנען פֿאַראַן אַסאַך, אָבער די יעגער שרעקן זיי בלויז איבער.

ווען מיר זײַנען דורכגעפֿאָרן דעם אַלײַ-טאָל, האָבן מיר זיך געלאָזט איבער אַ ברייטן באַרג-שפּאַלט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פּיטער-פֿלעצער. לאַנגזאַם, אומבאַמערקבאַר האָבן מיר זיך אויפֿגעהויבן אויף אַ לײַכטן באַרג-איבערגאַנג. ווען מיר האָבן זיך פֿון אים אַראָפּגעלאָזן, זײַנען מיר צוגעפֿאָרן צו אַ לאָנקע, אויף וועלכער עס זײַנען געווען פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן יורטעס און אַרום האָט זיך געפּאַשעט דאָס פֿי. דאָס איז געווען דאָס לעצטע באַוווינטע אָרט אויף אונדזער וועג — טערכ-אַגאַר האָט דאָס געהייסן. אַפֿן שוועל פֿון דער יורטע, וואָס מע האָט נאָך פֿון פֿריער פֿאַר אונדז צוגעגרייט, וווּ עס איז געווען דער שפּיו-לאַגער פֿון דער געאָלאָגישער גרופּע, האָט אונדז אויפֿגענומען דער סאַמע כאָשעווער קירגיז פֿונעם וואַנדערער-לאַגער אַבדול ראַכמאַן. לויטן קירגיזישן מינהג האָט ער געגעבן דעם כ׳ קרילענקאָ אַ פֿולן הילצערנעם בעכער ווײַסע ציגן-

מילך — געטראָגן. ניט אַראָפּקריכנדיק פֿון די פֿערד, האָבן מיר יעדערער באַזונדער אָפּגעטרונקען פֿון דעם דאָזיקן בעכער.

דער ערשטער טייל פֿון אונדזער נסיעה איז געווען פֿאַרענדיקט. דערווײַל איז, דוכט זיך, אַלץ געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זײַן. נאָר מיר האָבן זיך גאָרניט געריכט אויף די שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן שפּעטער באַגעגנט אויף אונדזער וועג.

## קאַפּיטל נײַן

# אַלטין-מאַזאַר

מיר זײַנען געזעסן אויף פּאַמיר, אויף דעם זעלבן פּאַמיר, וועגן וועלכן מיר האָבן אַזוי פֿיל געהערט און צו וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געשטרעבט. פֿאַר אונדז האָבן זיך געהויבן די גיגאַנטישע מאַסיוון פֿונעם באַרג-רוקן „פּיאָטער דער גרויסער". די דרײַ שפּיצן, וואָס יעדערער פֿון זיי האַלט זעקס קילאָמעטער די הייך, מיטן ניט-צעשמעלצלעכן שניי און אײַז, וואָס הענגען אַראָפּ פֿון ביידע זײַטן, האָבן ווי אָפּגעהיט דעם צוטריט צו דער פּאַמירער כרוס-וויסטע. בײַ זייער צופֿוסן האָט שטורמיש געשטראָמט זײַנע וואַסערן דער טײַך מוק-סו, אין וועלכן עס איז ניט לאַנג אויסגעקוקט דער כ׳ ראַגאָוו. אויפֿן ברעג פֿון דעם דאָזיקן טײַך, אין אַ גרינעם וועלדל, האָט זיך צעשפּרייט דער קירגיזישער וואַנדערער-לאַגער — אַלטין-מאַזאַר (וואָס באַטײַט — „גאָלדענער קייווער"). דאָ געפֿינט זיך דאָס ווינטערדיקע חורבה פֿון די קירגיזן, אָבער דאָס זײַנען שוין ניט קיין וואַנדערער-יורטעס, נאָר קליינע ליימענע הײַזקעס. איצט זײַנען די הײַזער קימאַט פּוסט. עס זײַנען פֿאַרבליבן אין זיי נאָר עטלעכע קראַנקע זקנים, די איבעריקע באַפֿעלקערונג איז צוזאַמען מיט זייערע סטאַדעס אַוועקגעגאַנגען צום זאַפֿטיקן זומערדיקן פּיטער-פּלאַץ, וואָס שפּרייט זיך אין די בערג. פֿון אַלטין-מאַזאַר ציט זיך אַ דינינק שטעגעלע, וואָס שלענגלט זיך איבערן באַרג און דערפֿירט נאָך עטלעכע שאָ גיין צו טערס-אַגאַר, וווּ מיר געפֿינען זיך טאַקע איצט.

הײַנט, דעם 12 אויגוסט, גאַנץ פֿרי, נאָך דעם, ווי מיר האָבן באַגלייט אונדזערע רויטאַרמייער, וואָס האָבן פּאַקאַסט מיט זיך די אין אײַלעניש אָנגעשריבענע בריוו אַהיים, האָבן מיר זיך נאָך טיי אַוועקגע-

לאָזן קוקן פֿון דער הייך אף אלטין-באַ:אַר און מוזק-טו. פֿונדאַנען האָבן די הייזלעך אויסגעזען קלייניטשקע, ווי שפּילצייג, און דער שרעקלעכער ברוזיגנדיקער טייך, וואָס שלענגלט זיך מיט זיינע צענדליקער אָרבל, איז געלעגן געווען אף א שטיל ניילד רימעלע.

אבער, ווען דאָ איז נאָך קיין מענטשלעכער יישעוו ניט געווען, פֿלעגן צו אלטין-מאַזאַר קומען איינזאַמע גאָלד-זוכער איבערצוואַשן מיט די האַנט איינפאַכסטע אינסטרומענטן דאָס גאָלדענע זאַמד. זיי פֿלעגן א לאַנגע צייט אַרבעטן ביז איבער די קני אין אייז-קאַלטן וואַסער,

דער טאָל פֿונעם טייך מוזק־סו פֿונעם באַרג־אַריבערגאַנג טעריס־אַגאַר
(3600 מ. די הייך).

דערנערנדיק זיך מיט פּלעצלעך און געקאָכטע שעפּסן-פֿלייש. ווייט ניט אַלע פֿלעגן זיך אומקערן צוריק אַהיים. אָפֿט פֿלעגן די דאָזיקע דרייסטע מענטשן אַראָפּגעשווינקט ווערן פֿונעם וואַסער אָדער זיי פֿלעגן באַגראָבן ווערן אונטער די שטיינער פֿון די אָפּזואַלגערן. פֿיל פֿלעגן אף אייביק פֿאַרבלייבן אינעם גאָלדענעם קייוועך. נאָר איינצלנע גליקלעכע פֿלעגן זיך אומקערן צוריק, מיטברענגענדיק מיט זיך א זעקעלע גאָלדע-נעם שטויב.

דאָס וואַסער פליסט ברענגען דעם גאָלדענעם זאַמד ערגעץ פון אויבן, פון די טראַנסאַלײַער בערג-שפּאַלטן, ווו עס האָבן זיך אפאָגנעם געפונען גרויסע גאָלד-אַרצערס. אָט אַהינצו טאַקע האָבן מיר געוואָלט זיך דורכדרינגען מיטן מאָל פונעם טײַך סוק-סוי. אָבער ערשט דאָ אין טערס-אַגאַר האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די טײַכן דאָ, וואָס האָבן פאַר-יאָרן פאַרמאָגט ווייניק וואַסער, האָבן זיך איצט שטאַרק געביטן. צוליב די סך רעגנס און צוליבן גיכן צעגיין פונעם שניי, איז הײַיאָר אינגאַנצן אוממעגלעך געוואָרן זיי אַ דורכצוגיין. די געאָלאָגן און טאָפּאָגראַפן, וואָס זײַנען געקומען פריער פאַר אונדז, האָבן געזוכט אַ ביסל דורכצוגיין, אָבער דאָס וואַסער האָט זיי גרויזאַם באַשטראָפט, צונעמענדיק בײַ זיי דעם כ' ראָגאָוו. אונדז האָט זיך פונדעסטוועגן ניט געוואָלט גלויבן, אַז מע זאָל מיט פערד ניט קאָנען דורכפאָרן די דאָזיקע טײַכן. און מיר האָבן באַשלאָסן אָרגאַניזירן צוויי אויסשפּירונגען: איינע, בראָש מיט וויקטאָר ניקיטינען, האָט אין משך פון דרײַ טעג געדאַרפט זוכן אַ פלאַץ אַריבער איבערן טײַך סוק-סוי. די צווייטע אויסשפּירונג וואָס איז באַשטאַנען פון די כּכ. קרילענקאָ, באַרכאַש, לאַדקין און דעם קירגיז דושיכראַטאַ, וועלכן זיי האָבן גענומען פאַר אַ טרעגער, האָט זיך געדאַרפט דורכקריגן מיטן מאָל פונעם טײַך סוק-סוי צו דער באַזע פון די געאָלאָגן בײַם טײַכל דושורגוטשאַק. די באַזע איז אָרגאַניזירט געווען אין איינעם פון די זײַטיקע באַרג-שפּאַלטן בײַם מאָל פון סוק-סוי. פון דאָרטן האָט מען געדאַרפט זוכן אַנדערע וועגן, און ווען דער טײַך וועט פאַרצוימען דעם וועג, אַרויפקלעטערן אויף די זײַטיקע באַרג-רוקנס.

מיר בײַדע זײַנען אין די דאָזיקע אויסשפּירונגען ניט אַרײַנגעגאַנגען און זײַנען דערווײַל פאַרבליבן בײַ די קירגיזן. מע האָט אונדז געגעבן אַן אויפגאַבע: אויפזאַמלען אַלע נייטיקע מאַכשירים און פּראָדוקטן, קויפן דרײַ לעבעדיקע שעפּסן און וואַרטן אויף וויקטאָר ניקיטינען. נאָך זײַן אומקערן זיך, אומאָפּהענגיק פון די רעזולטאַטן פון דער אויסשפּירונג, האָבן מיר געדאַרפט כיט איב. מיט טעמיאָנען און נאָך מיט איין קירגיז זיך אַוועקלאָזן אין וועג לויט דעם כ' קרילענקאָס מאַרשרוט.

# צווישן קירגיזן

היינט אינדערפרי זיינען אונדזערע אוועקגעפאָרן. מיר, סעמיאָן און דער כימיקער זיינען געבליבן צווישן די קירגיזן. פאר דריי טעג האָבן מיר געדאַרפט נאָר איינפּאַקן דאָס געפּעק פאַרן קאַראַוואַן און קריגן דריי שעפּסן, די איבעריקע צייט האָט מען געקאָנט רוען, זיך וואַרעמען אף דער זון און צוקוקן זיך צום לעבן און צו די מינהאָגים פון די קירגיזן.

וואַסיע האָט זיך ענערגיש גענומען כאַפּן פייגל, ארום די יורטעס הערט מען קעסיידער שאָסן און דעם יעגערס פריידיקע אויסגעשרייען. ער שיסט אַפילע ניט זייער גוט, פונדעסטוועגן זיינען צו מיטאָג-צו לעבן יורטע אויסגעלייגט 10 שטיק פאַרשיידענע פייגל. נאָכן געיעג שלעפּט וואַסיע ארויס א טשעמאָדאַן מיט קאָלערליי מעסערלעך, צווענגעלעך, וואַטע, זאַלץ און ספּירט און הייבט אָן טרייבערן די פייגל. אין א האַלב שאָ ארום קליבט זיך לעבן דער יורטע צונויף א גאַנצע מאַסנע קירגיזן. ווען זיי האָבן דערזען וואַסיעס ארבעט, האָבן זיי באַשלאָסן, אז עס איז געקומען צופאָרן א „דאָכטער" (דאָקטער) און זיי זיינען געקומען צו אים נאָך הילף. כומלענדיק אין שרייענדיק, האָבן זיי באַוויזן אף די ציין, אף די פיס, אף די הענט און אף די זייטן—בא יעדערן האָט זיך געפונען עפּעס א קרענק. מיט גרויס מי האָט זיך אונדז איינגעגעבן זיי צו דערקלערן, אז וואַסיע האָט קיין שום שייכעס ניט צו א דאָקטער. די קירגיזן האָבן אונדז ־פאָרט ניט געוואָלט גלייבן. און ביזן סאַמע אָפּפאָרן האָבן זיי געזידלט וואַסקען. וואָס ער קוילעט פייגל, און מענטשן וויל ער ניט העלפן.

ארום די יורטעס, אף גרויסע פעלדער, וואָס ציען זיך ווייט אין די בערג, פאַשען זיך די קירגיזישע סטאַדעס. דאָ גייען ארום די אומגע-לומפּערטע דיקע „קוטאַסן" (יאַקן) מיט א גרויסן זאַק אונטערן האַלדז, וואָס איז פונקט ווי זייער גאַנצער קערפּער, באַוואַקסן מיט א געדיכטער שוואַרצער וואָל. די דאָזיקע בעלכײַים דערמאָנען א געוויינלעכן פעט-געחאָרענעם אָקס. די יאַקן זיינען זייער שטאַרקע, זיי גייען זייער גוט

איבער די בערג-שטעגן אין קאָנען לייכט אריבערגיין איבער טײַכן. זיי. ער פליש און מילך איז גאנץ געשמאַק.

די גרויסע מיטלשעדיקע קעמלען ליגן אַפּ שאָענלאנג אף איין אָרט. ווען א מענטש גייט צו צו א קעמל, לייגט דער קעמל אף אים קיין שום אכט נים. נאָר ווען עמעצער איז דעם קעמל נים געפעלן געוואָרן אָדער האָט אים דערעסן, קערט ער רויִק אויס דעם קאָפּ, און באשפּייט דעם אזעסמאָנעם, וואָס האָט געוואגט אים צו באומרויקן. און ס'איז בעעמעס קיין וואונדער נים, וואָס די דאָזיקע באַלעכײַים זיינען אזוי גרויס בא זיך — אפילע אן אָרעמער קירגיז קען זיך אָן זיי נים באגיין. אף קעמלען פירט דער קירגיז אריבער די גאנצע באַלעבאָסישקייט מיט דער יורטע צוזאמען, די קעמלען קאָנען שלעפּן 5-4 מאָל מער מאסע ווי א פערד, און זיי פאָדערן נים קיין ספעציעלע אופזיכט איבער זיך.

דאָ פּאשען זיך אויך גרויסע טשערעדעס ציגן, שעפסן און פערד. צווישן די דאָזיקע באַלעכײַים האָבן זיך אויך געפּאשעט אונדזערע רייט-פערד, וועלכע מע האָט יעדן אינדערפרי געמוזט ביטערן מיט „אר-פע" (גערשטן), צוליב דעם פלעגט מען זיי מוזן טרייבן צו די יורטעס. נים געקוקט אף דעם, וואָס די פערד זיינען געווען געפּענטעט, פלעגן זיי דאָך פאר א מעסלעס באווייזן אָפּצוגיין בא 3-2 קילאָמעטער. מיט ריטער און כיט בייטשן פלעגן מיר זיך אוועקלאָזן זוכן די פערד, אָבער פארטרייבן זיי אין די יורטעס פלעגט אָנקומען זייער שווער. אייניקע פערד פלעגן זיך קליגן צעבינדן די פּענטעס, און דאן פלעגט אומעגלעך זיין צוצוגיין צו זיי. עטלעכע רייטער פלעגט אויסקומען ארופצושפרינגען אף די שוין געכאפּטע פערד און נאָר דאן פלעגט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן איינ-געבן מיט דער הילף פון שטריק ארומצורינגלען די איבעריקע צעוויל-דעוועטע פערד. צייטנווייז פלעגט דער דאָזיקער ווילדער טאנץ דויערן 4-3 שאָ. נאָך גוט, וואָס די קירגיזן פלעגן אונדז העלפן, אָן זיי וואָלט געווען נאָר שלעכט. די קירגיזן קאָנען זיך זייער גוט באגיין מיט באַלעכײַים, ווייל פיצוכט איז זייער הויפט-באשעפטיקונג און דאָס וויכטיקסטע לעבנס-מיטל.

פון מילך מאכן זיי אסאך פארשיידנארטיקע פראָדוקטן: „קײַמאַק" (פּוטער), קעז, „אײַראַן", „קומיס" (זויערמילך פון ציגן און שקאפּעס). פליש קאָכן זיי, פּרעגלען אָדער עסן עס האלב-רויע. פארן סאמע בעסטן מײַכל האלטן די קירגיזן געראָכערטן שעפסן-קאָפּ. פון די פעל פון די באַלע-

כמים באכן די קירגיזן בגאָדים. זיי נייען דערפון ווארעמע פעלצן, היט און שכיוול. די פּאָדלאָגע, דער דאַך און די ווענט באַדעקן זיי מיט פעל פון די שטוביקע באַלעבאַטים און אויך מיט פעלץ פון ווילדע ציגן, וואָס זיי ברענגען פון א געלונגענער יאגד.

אויסער פיצוכט פאַרנעמען זיך די קירגיזן אויך מיט ערדאַרבעט — זיי זייען גערשט. די פיצוכט-און יאגד-פּראָדוקטן בייטן זיי אויס אין די קאָאָפּעראַציע אף רייז, זאַלץ, קיקירוזע, קיי-טאַבאַק, שוועבעלעך און-פאַרשיידענע אינסטרומענטן.



יאַקן (באַרג אָקסן). אָנגעלאָדענע מיטן באַגאַזש פון דער עקספּעדיציע.

די גאַנצע שווערע שוואַרצאַרבעט פאַלט אויס באַ די קירגיזן די פרוי (מאַרדזשא). זי גיט אַכטונג אפן פי און אפן הויז, זי קאָכט עסן, פאַרנעמט זיך מיט וועבעריי און מיט נייען.

די קירגיזן האָבן ליב זייערע קינדער. אָבער זיי גיבן אפּ זייער שלעכט אַכטונג. די קינדער ווערן אין מעשעך פון א גאַנצן טאָג איבערגעלאָזן אף זייער אייגענעם באַראָט. שמוציקע, נים קיין געוואַשענע, אין איינע העמדלעך לויפן זיי ארום צווישן דעם פי. די קינדער זיינען זייער וויל-

דע און שרעקעדיקע. האָבן מירע אפילע פאר א בליק פון א פרעמדן מענטשן. עס טרעפט, אז געטריבענע פונעם נייגיר, קוקן זיי אריין צו אונדז אין יורטע, נאָר בא דער ערשטער ווענדונג צו זיי אָדער באַוועגונג אנטלויפן זיי ווי די פארסאַמטע מייז. פאר דער גאנצער צייט, וואָס מיר זיינען אָפּגעווען אין טערס-אגאר, האָבן זיי זיך פאר קיין שום פאל ניט געקאָנט צוגעוווינען צו אונדז.

פון קינדווייז אוף לערנט מען די יינגלעך רייטן אף פערד און דאָס איז זייער איינציקע באַשעפטיקונג. פאראיאָרן, ווען אין אליי-טאָל איז איינגעאָרדנט געוואָרן א גרויסער יאַגטעוו לעקאָוועד דער כאַוועטיש-דייטשישער פאמירער עקספעדיציע, האָט זיך פארן זיגער אין דעם ווייטגעווען ארויסגעוויזן אן אכטיאָריק קירגיזל.

מיידלעך לערנט מען צו פון קינדווייז אָן צו ארבעט, גרייטנדיק זיי ואר גוטע ווייבער, קעדיי צו דער כאסענע נעמען וואָס מער אויסקויף-געלט באם כאָסן. דאָס דאָזיקע אויסקויף-געלט הייסט קאלים און ווערט געוויינלעך אויסגעצאָלט מיט פי. די סאָוועטישע רעגירונג האָט שוין לאנג ארויסגעגעבן א געזעץ וועגן אָפּשאפן דעם קאלים, אָבער ניט געקוקט אף דעם עקזיסטירט ער נאָך. פאר די 12 יאָר רעוואָליוציע האָט זיך נאָך די קולטור דאָ ניט באוויזן איינצובירגערן. און נאָך אסאך אי-בערבלייבעכצן פונעם אלטן שטייגער, ווי קאלים, שמוץ, קראנקייטן און אמעראצעס זיינען פארבליבן בא די בארג-קירגיזן, אָבער בא דער ראטנ-מאכט ווערן זיי ביסלעכווייז אויסגעלעבט.

היינט איז וואסיע אוועק אף געיעג אין מיר מיט סעמיאָנען האָבן זיך פארנומען מיטן איינפאקן דעם באגאזש. פאנאנדערקלייבנדיק די פראָדוקטן, האָבן מיר ארופגעלייגט אף א קאסטן כאזוערשמאלץ און האָבן זיך גענומען איינצווויקלען אים אין א זאק. דערווייל איז אין יורטע אריינגעגאנגען אבדוראכמאנאס מאַרדושע און האָט אונדז גע-בראכט צו מיטאָג א קעסל מיט „שורפע" (א פליישיק געקעכץ — זופּ).

ווען זי האָט דערזען די שמאלץ, איז זי אופגעציטערט געוואָרן און שיר ניט ארויסלאָזן דעם קעסל פון האנט. דערנאָך איז זי מיט א שרעקן אין האנט צוגעגאנגען צום שמאלץ און מיט עקל איז אָנגעהויבן דרייען אין אלע זייטן, מורמלענדיק דערביי „יאמאן, יאמאן!" דאן האָבן מיר זיך ערשט דערמאָנט, אז זייער גלויבן דערלויבט ניט די קירגיזן, פונקט ווי אלע מוסולמענער, צו האלטן און עסן כאזירים. א כאזער האלטן זיי

פאַר אַ טיזול — „יאַמאַן“. די מאַרדושע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שבאַלך אף דער ערד, ביז א שפּיי געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען פון יורטע. מיר האָבן זיך גענומען עסן מיטיק. אין פראַנט פון עסן זיינען מיר אַלע געווען ניט קיין איבערקלייבער. אין אַזעלכע געסיעט קומט ניט אויס איבערצוקלייבן, מע עסט דאָס, וואָס עס איז פאַראַן, און אַז עס איז קיין זאַך ניטאָ, מאַכט מען אויך א שוויג. נאָר דאָס מאָל איז די שורפּע געווען אַזוי געזאַלצן, אַז יעדער לעפל איז געבליבן שטיין אין האַלדז און די זאַלץ האָט געקנאַקט אונטער די ציין. נאָר אַזוי־ווי קיין שום אַנ־דער זאַך איז ניט געווען, האָבן מיר גענומען עסן די שורפּע, זידלענדיק זיך דערביי און פאַרקייענדיק דעם זאַלץ מיט טרוקענע פּלעצלעך. ווען מיר האָבן אויסגעליידיקט א האַלבן קעסל, האָבן מיר באַשלאָסן די אַנדערע העלפט איבערלאָזן פאַר וואַסקען. אינגיכן איז אין יורטע ווייסער געקו־מען די מאַרדושע מיט זשעניקעס אין די הענט; זי האָט פאַרוואונדערט געקוקט אף דער איבערגעבליבענער שורפּע און, ווייזנדיק מיט די פינ־גער דאָ אף אונדז, דאָ אף דער שורפּע, האָט זי מיט אויפרעגונג גיך אָנגעהויבן ריידן. זי האָט קעסיידער איבערגעחזרט די ווערטער — „טענעקע קושי“. דאָס האָט געהייסן, אַז זי לאַדט אונדז איין אויפצועסן די פאַרבליבענע שורפּע. מיר האָבן איר געמוזט דערקלערן, פאַרוואָס מיר קענען ניט אויפעסן די גאַנצע, ווייל אַנדערש וואָלט זי זיך באַליי־דיקט. סעמיאָן, וואָס האָט אַביסל געקענט די קירגיזישע שפּראַך, האָט זי זיך גענומען צום איניען. ער האָט איר אָנגעהויבן דערקלערן, אַז דער זופּ איז זייער געזאַלצן און מיר האָבן זיך שוין אָנגעגעסן: דאָרט, ווו עס האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער, האָט ער זיך צוגעהאָלפן מיט די הענט. די מאַרדושע האָט זיך פון אָנהייב א ביסל דערשראָקן פאַר סע־מיאָנען און האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז זי פאַרשטייט קיין זאַך ניט, אַז אַבדוראַכמאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין אַלטין־מאַזאַר און וועט קומען צו־פאָרן נאָר אינאָוונט און אַז ער וועט עפּעס פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר האָבן ניט אויפגעגעסן די שורפּע. דאַן האָט סעמיאָן אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו פאָכען מיט די הענט און האָט אַקשאָנעסדיק געהאַלטן אין איין איבערחזרן דאָס וואָרט „טוז“, וואָס אף קירגיזיש באַטייט עס זאַלץ. שטייענדיק נאָך א מינוט, האָט דער מאַרדושע א בליק געטאָן עפּעס א געראַנק און זי איז אַרויסגעלאָפן פון יורטע. אין א מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקערט, טראָגנדיק פּייערלעך אין האַנט א פּלע

קעסטל מיט זאַלץ. איצט איז זי געווען זיכער, אז מיר וועלן אויסעסן די איבעריקע זופּ. מיט גרויס מי האָט זיך אונדז איינגעגעבן איינצוהאַלטן דעם געלעכטער. טעטיאַנאַ האָט איר באַדאַנקט און דערקלערט, אז די זופּ האָבן מיר איבערגעלאָזן פאַר וואַסיען, וועלכער וועט געוויס קומען פון געיעג זייער א הונגעריקער. ווען די מאַרדושע איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן מיר זיך געהאַלטן פאַר די זייטן לאַכנדיק.

אינגיכן איז וואַסיע געקומען פון געיעג און האָט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר זיינען אזוי צופרידן. „נא, עס, ביסט דאָך מיסטאמע זייער הונגעריק“, — האָבן מיר, איבערלאַנגענדיק איינער דעם אַנדערן, פאַרגעלייגט וואַסיען דעם מיטאָג. „מיט פאַרגעניגן — האָט ער געענטפערט, — איך האָב זיך זייער אויסגעהונגערט“. נאָר נאָך דעם ערשטן לעפל האָט ער זיך פאַרהוסט. „ס'איז ניט געשמאַק? עפּשער ווילסטו צושיטן אביסל זאַלץ, ס'איז פאַראַן וויפל דו ווילסט“. און דאַן האָבן מיר דערציילט וואַסיען די מעשה מיטן כאָזערטעלך און מיט דער שורפּע. אזוי האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער פריילעכער מיטיק.

אינאָוונט איז געקומען צופאָרן וויקטאָר. דריי טעג האָט ער, איינ-שטעלנדיק דאָס לעבן, געקעמפט מיטן וואַסער, אָבער קיין פּאַסיק אָרט אף דורכצוגיין האָט ער ניט געפינען. ס'איז באַלד באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרענדיקן די צוגרייטונגען און לאָזן זיך לייט קרילענקאָס שפּורן.

קאַפּיטל עלף

# א שווערער אריבערגאַנג

דעם 15 אינדערפרי האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אבדוראַכמאַנען און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צו דער באַזע פון די ג'עלאָגן צום טייכל דזשאַרגוטשעק. קעדיי צו קומען אהין, האָט מען געדאַרפט דורכגיין דעם שטיילן באַרג־אריבערגאַנג קולדאַוואַן, וואָס די ג'עלאָגן האָבן ניט לאַנג אַנטדעקט. נאָך א האַלבער שעה פאָרן פון אונדזער יורטע זיינען מיר צוגעקומען צו זיין צופוסן. דאָ זיינען געווען עטלעכע קירגיזישע יור־טעס. די איינוווינער פון די דאָזיקע יורטעס האָבן זיך מיט גרויס

סיטכע ארויסגעשאסן צו אונדז און האבן אונדז אנגעהויבן מעכאבער זיין מיט אייראַן, קוטיס און קמאק. דאָס זיינען געווען די לעצטע מענטשן אף אונדזער וועג און ווער ווייסט, ווען מיר וועלן זיך ווי־דער קאָנען קויקן מיט געשמאַקע מילכיקע פּראָדוקטן. ווען מיר האָבן זיך ווי געהעריק אָנגעטרונקען, האָבן מיר ניט געוואוסט. מיט וואָס אָפּצו־דאַנקען די גאַסטפריינטלעכע באַלעבאַטים. עס האָט אונדז ארויסגע־האָלפן איינער א יונגער קירגיז, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו סעמיאָ־נען און עפּעס אָנגעהויבן ריידן צו אים. עס האָט זיך ארויסגעלאָזן, אז ער האָט געבעטן שוועבעלעך. וואָס זיינען אין די קאַנטן געווען א גרויסע זעלטנקייט. מיר האָבן זיי איבערגעלאָזן עטלעכע קעסטלעך שוועבעלעך און זיינען אוועקגעפאָרן ווייטער.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך אָנגעהויבן זייער א שטיילער באַרג־אריבערגאַנג. דאָס איז ווירקלעך געווען א שרעקלעכער אריבער־גאַנג. מע האָט זיך געמוזט אופהייבן איבער א שמאָלינקן, קוים מערק־בארן שטעגעלע. אפילו א מענטשן איז געווען שווער צו גיין איבער אָט דעם שטעגל, און א פערד האָט קוים געקאָנט שטיין אף אים. די פיר פיס פונעם פערד האָבן זיך דאָ ניט געקאָנט אויסשטעלן און דע־ריבער האָבן זיך די פערד קעסיידער געמוזט באַוועגן פאָרויס. יע־דערער פון אונדז האָט נאָך געפירט אן אָנגעלאָדענעם פערד, וועלכע מיר האָבן מיט גרויס מי געשלעפּט נאָך זיך. מיר גייען אָט עטלעכע טריט, און די פערד פרוּוון יעדעס מאָל מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך אָפּשטעלן. וואָס איז פאַרבונדן מיט דער געפאַר אראָפּצופאַלן. דעריבער איז יעדערן אויסגעקומען אכטונג צו געבן אויך אף דעם כאַווערס פערד און אונטערטרייבן אים קעסיידער מיט וואָס נאָר מעג־לעך. עס זיינען אין דער ארבעט בייכשן, אייז־ברעכער און אפילו שטיינער. צייטנווייז פלעגן די אומגליקלעכע באַשעפענישן זיך מוזן שטעלן אף די הינטערשטע פיס, כדי אריבערצוקריכן עפּעס אן ארויסשטאַרץ.

ווען דער וועג פלעגט ווערן א ביסל גלייכער און די פערד האָבן געקאָנט גיין אָן אונדזער הילף, פלעגט זיך סעמיאָן אָנכאַפּן פאַרן ווידל פון זיין רייט-פערד און פלעגט צווינגען דעם פערד, ער זאָל אים שלעפּן אינ־דערהייך. ער פלעגט זאָגן, אז דערמיט פאַרלייכטערט ער זיך דעם וועג און פאַרשווערט ניט דעם פערד. אָבער ווי מיר האָבן זיך ניט באַמיט

צו טאָן דאָס זעלבע. האָט זיך בײַ אונדז גאָרניט באַקומען. די פערד האָבן אונדז ניט געלאָזט שלאָפן און זײַנען ניט געגאַנגען פאָרויס.

נאָך צוויי שאָ קלעטערן זײַנען מיר געקומען אויפן שפּיץ פונעם איבערגאַנג. דער אַלטימעטער (הייך-מעסטער) האָט באַוויזן 4 טויזנט מעטער די הייך. פאַר צונדזערע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פּראַכטפול בילד פון די ווײַסיקע באַרג-רוקנס פון פּאַמיר. דער קאָנוסאַרטיקער שפּיץ גאַרמאָ, וואָס איז געווען העכער פון די אַנדערע שפּיצן, האָט געבלאַנקט אויף דער זון מיט זײַן שנייִקער ווײַסקייט. דאָס איז דער העכסטער באַרג-שפּיץ אין סססר און איינער פון די סאַמע העכסטע בערג אין דער וועלט. ער האַלט 7500 מעטער די הייך.

אפילו פון דאָרטן האָט מען געקאָנט זען די ניט-צוטריטלעכקייט פון אָט דעם שפּיץ. פון דריי זײַטן, וועלכע מיר האָבן פון דאָרטן געקאָנט זען, איז גאַרמאָ, ווי אַ פעסטונג באַשיצט געווען מיט די קאָלאָסאַלע אַראָפּהענגענדיקע אײַז-ווענט. מע האָט אַלץ געקאָנט זען. נאָר דער טראַנס-אַלײַער באַרג-רוקן צוזאַמען מיטן לענין-שפּיץ איז געווען פאַרהוילן הינטער די ווײַסיקע בערג און זײַנען ניט צוטריטלעך געווען פאַר אונדזער בליק.

דער שפּיץ פונעם באַרג-איבערגאַנג האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קליין פעלד אָן שניי און אַ קלײנע אָזערע פון דורכזיכטיקן, ווי גלאָז, וואַסער. פאַרמאַטערטע, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אַ ביסל אָפּרוען און צובײַסן עפּעס. פּלוצלינג האָט אונדזער אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן אַן אייגנאַרטיקער געשריי איבער אונדזערע קעפּ, וואָס האָט דערמאָנט אָנעם קראַקען פון אַ קראָ. מיר האָבן אַ קוק געטאָן אינדערהייך און האָבן דערזען גרויסע שיינע פייגל מיט פאַרשיידנפאַרביקע פעדערן. דאָס זײַנען געווען באַרג-אינדיטשקעס. ווען מיר האָבן זיך אָפּגערוט, האָבן מיר זיך גענומען אַראָפּלאָזן, וואָס איז געווען נאָך שווערער ווי אַרויפשטײַגן — דאָס שמאָלינקע, צוויי דלאָניעס די ברייט, שטיילע שטעגעלע איז געגאַנגען זיגזאַגאַרטיק איבער אַ קאָלאָסאַלן שטיינערנעם אָנשיט. די פערד האָבן זיך קעסיידער געגליטשט איבער די דראָבנע שאַרפע שטיינדלעך אַראָפּצו.

אונטן האָט זיך שײַן, ווי אַ ווײַס-גרויע סטענגע, געשלענגלט דער טײַך סווק-סײַ. ווען ער רײַסט זיך אַראָפּ אַ פּעקל און פליט אַראָפּ צום טײַך, — איז גיי זוך דערנאָך אונטן די שטיקלעך צעבראָכענע כפּייצים ניט נאָר פאַר די פערד. נאָר אויך פאַר אונדז איז דאָס אַראָפּלאָזן זיך

געווען זייער שווער אין אָנגעשטרענגט. די פערד האָבן, גליטשנדיק זיך, געהאלטן אין איין אונטערשטיפן די מענטשן, וואָס האָבן זיי געפירט. ס׳איז אויסגעקומען צו גיין זייער פאָרזיכטיק און קוקן פאָרויס אויף יעדן טריט, קעדיי ניט אַראָפּצופאַלן אין אָפּגרונט.

ווען מיר האָבן געהאלטן אינמיטן אַראָפּלאָזן זיך, האָט עפּעס פּלוצלינג פאַרדעקט די זון, וואָס האָט פריער אזוי העל געלויכטן אויפן ריינעם אָנוואָלקנדיקן הימל. ס׳איז געוואָרן טונקל. מיר האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און האָבן דערזען אַ קאָלאָסאַלן פויגל מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגל אין ערעך 3 מעטער די לענג. דאָס איז געווען אַ גיגאַנטישער רויב-פויגל, איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט, וואָס הייסט גריף. די גריפן זיינען זייער שטאַרק, זיי שלעפּן אַמאָל אַוועק ציגן און קעלבלעך. סעמיאָן האָט זיך שוין אפילו געכאַפּט פאַר דער ביקס, נאָר ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז מיטן שאָס קען ער דערשרעקן די פערד. ווען דער גריף האָט אונדז באַמערקט, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אינדערלופטן, צונויפלייגנדיק די פליגל, און איז גלייך געוואָרן פון אונדזערע אויגן, אַוועקפליענדיק האַסטיק ערגעץ-ווו אַראָפּצו. דאָס איז געווען די איינציקע געשעעניש, וואָס האָט צעשטערט די איינטאָניקייט פון אונדזער אַראָפּלאָזן זיך פונעם קילדאַייאַן. אין דריי שאָ אַרום האָבן מיר, צוטרייבנדיק די פערד איינע צו די אַנדערע, זיך ענדלעך אַראָפּגעלאָזן אַרונטער צו סייק-טיי.

דזשאַרגיטשעק איז אויף דער רעכטער זייט טייך. אָבער פאָרן איבער אים האָט מען ניט געקענט, ווייל איינער פון זיינע אַרבל האָט דירעקט אָנגעשפּאַרט צו די מעלדון, דעריבער האָבן מיר געמוזט זיך אַריבערפּעקלען אויף יענער זייט אַרבל.

דער ערשטער איז געפאָרן סעמיאָן. אים איז שוין פריער אָפט אויסגעקומען דורכצופאָרן איבער טייכן, דעריבער האָט ער, פעסט אָנגעריקט די שפּאָרן און האָט זיך געלאָזן פאָרויס. דאָס וואַסער אַרום האָט זיך אויפגעשוימט, און אַנגיכן, פינף מעטער פון דעם אָרט ווו ער האָט אָנגעהויבן אַריבערגיין, האָט אים דאָס וואַסער אַרויסגעטראָגן אויפן אַנדערן ברעג.

נאָך אים איז אַוועקגעפאָרן סטאַך מיט אַן אָנגעלאָדענעם פערד. פאָרנדיק אויף אַזאַ אופן דאָס ערשטע מאָל, האָט ער ניט געוווסט די טעכניק פון דער דאָזיקער זאַך. אין ערעך דריי טריט פון ברעג איז זיין פערד

דער בארג־אריבערגאנג קילראווא דורכן זייסיקן בא־ב־רוזן צום טאָל פון סוויק־סיי.
אן אָזערע אף דער הייך פון 4 טויזנט מ. איבערן יאם־ניוועָ.

ארונקען, געוואָרן ביזן בויך אין וואסער, און, אזוי ווי ער איז געגאנגען אביסל קעגן שטראָם, האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס ציט אים אראָפּ צו איבערן בייך. דער איינדרוק איז געווען אזא: פונקט ווי אלץ פאר דיר טראָגט זיך און דו אליין טראָגסט זיך ערגעץ מיטן שטראָם. דער אָרעמער פערד האָט, קעמפנדיק אָן אופהער מיטן וואסער, קוים געשלעפּט די פיס און זיך יעדע ווײַלע פּאַטיקעט, שיר ניט פארכלינענדיק זיך מיט וואסער. סעפּיאָן האָט פונעם אנדערן ברעג געשריען צו סטאכן:

— האָב ניט מוירע, פאָר גלײַך צו מיר.

נאָר דאָס איז אָנגעקומען גאנץ שווער. ווי סטאך האָט ניט געריסן אין אלע זײַטן דאָס ציימל, האָט דער פערד אים אינגאנצן אופגעהערט צו פאָלגן. ער אליין, ווידער, האָט זיך פארלאָרן און שיר ניט ארויסגעלאָזן דעם מיט פעק געזאָטלטן פערד. וועלכער האָט זיך אראָפּגעלאָזן צו נידעריק און האָט שטארק אײַנגענעצט די פעק. נאָר אָט איז אויך סטאך אויף יענעם ברעג. סעמיאָן האָט א קוק געטאָן אויף אים און האָט זיך פאנאנדערגעלאכט. עס ווײַזט זיך ארויס, אז פון ניט־געוווינסקײַט איז ער שטארק בלאס געוואָרן. נאָך סטאכן איז געפאָרן אריך. ער האָט געפּאַכט מיט די הענט און מיט די פיס, וועלנדיק דערמיט אונטערטרײַבן די פערד, און האָט זיך פאמעלעך גערוקט פאָרויס. דאָס וואסער האָט אים ארײַנגעצויגן אלץ טיפער. עס האָט זיך געמערקט, ווי ער ווערט קעסיידער בלאסער און בלאסער. ווען ער איז ענדלעך געשטאנען לעבן סטאכן, האָט ער אויסגעזען ניט בעסער פאר אים. נאָך אים איז געגאנגען ניקיטין. אים איז געגאנגען נאָך ערגער, ווי אונדז. זײַן אָנגעלאָדענער פערד איז געווען עפּעס א מאָדנע אײַנגעשפּארטער און דער רײַט־פערד א גרויסער פאכדן. ער האָט זיך ניט געקאָנט מיט זיי אן אייצע געבן און ס׳האָט אים גלײַך אראָפּגעטראָגן אראָפּצו, ווי עס איז געווען גאנץ טיף. נאָר די שטיינער, וואָס מיר האָבן געוואָרפן אין זײַן פערד, ריזיקירנדיק צו טרעפן אין אים אליין, האָבן זיי ענדלעך בעשאָלעם צוגעטריבן צו יענעם ברעג טײַך.

אזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטער פריוו אריבערצוגיין א טײַך — די ערשטע וואסער־קרייצונג.

נאָך א שאָ פאָרן איבערן טאָל האָבן מיר פארקערעוועט אין א טײַטיקן בארג־שפּאלט, און אופהייבנדיק זיך איבער אים, ווײַזן זיך

געקומען צו דזשארגושעק. די באזע גיפע האָט זיך געפינען אין די ערד־שטיבלעך פון די געוועזענע גאָלד־גרובן. פריער האָט אהער געפירט א מער־ווייניקער נישקאָשעדיקער וועג. איצט איז דער וועג צערוינירט פון די אָפּוואלגערן, און נאָר אין אייניקע ערטער זעען זיך ארויס קלייניקע ניט פארשאָטענע שטיבלעך. די דאָזיקע פארגעסענע ערד־שטיבלעך האָבן זיך גאנץ געמיטלעך איינגעאָרדנט אונטער די אראָפּהענגענדיקע טונקעלע פעלדזן, צווישן די איי.זאמע אומהיימלעכע בעריאָזעס. איצט איז דאָרט געווען די גאנצע אויסשטאטונג פון דער געאָלאָגישער גרופּע, וועלכע עס האָט געה"ט דער ארבעטער מיכאיִל. שוין אין ערעך א כּודעש האט ער דאָ געוווינט איינער אליין, און נאָר ציגן און בארג־אינדיטשקעס פלעגן אינדערפרי קומען צוגאסט צו מישע דעם פאָרעש. די איבעריקע געאָלאָגן זיינען אוועקגעפאָרן ערגעץ אין די בערג, קעדיי צו פירן זייער ארבעט. מיכאיִל האָט אונדז מיטגעטיילט, אז אונדזערע כאווײרים זיינען נעכטן אינדערפרי אוועקגעפאָרן ארויפצו. מיר האָבן באשלאָסן מאָרגן אינדערפרי זיך אוועקלאָזן לויט זייערע שפורן, דאָס הייסט. לויט די שטיינערנע פּיראמידן, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזן אס זייער וועג, ווי מיר האָבן פון דעם פריער אָפּגערעדט. און אזוי האָבן מיר טאקע געטאָן.

קאפיטל צייעלף

# אליין די טרעגער

אינדערפרי, ווען מיר האָבן זיך ווידער אראָפּגעלאָזן אין טאָל און דורכגעגאנגען א 13־20 טריט. האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף שטיינערנע פּיראמידקעס. דאָס האָבן געווים געמאכט אונדזערע אויסשפירער. הייכט עס, מע דארף פאָרן פאָרויס, ביז נייַע שפורן. דער וועג איז געווען ניט קיין אינטערעסאנטער: דער שוימיקער סאָק־סײַ האָט מיט א רייזיקער וואסער־שטענגע דורכגעשניטן דעם אומעטיקן, איינגארטיקן טאָל, וואָס איז פון ביידע זייטן ארומגערינגלט געווען מיט קאלאָסאלע פעלדזן.

הייגנדיק זיך מאָנאָטאָן אינעם זאָטל, האָבן מיר געדרעמלט אונטער די ברענענדיקע זונען־שטראַלן. ס׳איז אופגעשווומען אין זיקאָרן מאָסקווע, דאָס קאַמעראַל, די שטוב, נאָר פאַר די אויגן איז געווען דאָס ווירקלעכע לעבן. עס האָבן זיך קלאָר פאָרגעשטעלט די גלעטשערס און שנייען פונעם טראַנסאַליי, צו וועלכע מיר האָבן זיך מיט יעדער שאָ אַלץ מער דערנעענטערט. און איבערהויפּט האָט זיך געטראַכט וועגן די פּאָ־שטייענדיקע שוועריקייטן, געפאַרן און געשעענישן. זעלטן ווען פלעגן די געדאַנקען איבערגעריסן ווערן פונעם טראַסק פון די אַפּוואַלגערן, און פון דעם גערויש פון די שטיינער, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבערן טייך־דעק.

נאָך צוויי שאָ פאָרן איבערן טייך האָבן מיר באַמערקט פונווייטן אַ רײַטער. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען לאַדקין. מיר האָבן זיך דערוווּסט פון אים אַ טרויעריקע נייס: עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ווייטער פאָרן איבערן טאַל קאָן מען ניט, ווייל דער טייך גייט צו האַרט צו די פעלדזן, וואָס הענגען איבער אים, און פאַרשפּאַרט דעם וועג. דורכגיין דורכן טייך האָט זיך אונדזערע אויספירער ניט איינגעגעבן. איצט זיצן זיי דאָ ניט ווייט און וואַרטן אויף אונדז, כדי צו אָרגאַניזירן דעם ווייטערדיקן וועג צופוס איבערן טייך דורך די ווייטיקע באַרג־רוקנס. לאַדקינען האָט מען געשיקט קיין אַלטין־מאַזאַר נאָך טרעגער.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אים און אין ערעך אין צוויי שאָ אַרום זיינען מיר צוגעפאָרן צו אונדזערע כאַווייִרים. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליין ביידל, וואָס קירגיזישע פאַסטעכער האָבן אַמאָל געמאַכט. דאָס אָרט האָט געהייסן בורדזשע. די ס.ס. קרילענקאָ און באַרכאַש האָבן געוואָלט גיין ווייטער מיטן טרעגער דזשאַרמאַט און אונדז איבערלאָזן דאָ וואַרטן אויף די איבעריקע טרעגער. דאָס האָט געהייסן זיצן באַ דריי טעג פאַרלייגט די הענט און דערנאָך זיך לאָזן שוין לויט אַן אויסגעטראָטענעם וועג ווייטער. אונדז איז דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלן געוואָרן און מיר האָבן פאָרגעלייגט, אַז אַלע זאָלן זיך איצט לאָזן אין וועג צוזאַמען, איבערלאָזנדיק סעמיאָנען היטן די פערד. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און מיר האָבן באַשלאָסן צוגיין ביז קוזגון־טאָקיי. דאָרט האָבן מיר געוואָלט איבערלאָזן ניקאָליי וואַסיליעוויטשן און באַרכאַשן פאַר ווייטערדיקע אַרב

שפּרונגען אין אַליין זיך אומקערן צוריק נאָך די טרעגער און דעם איבעריקן פּראָוויאַנט (קוזגון־סאָקיי איז דאָס אָרט, פון וועלכן די דייטשן האָבן פאַראיאָרן אָנגעהויבן דאָס ארויפשטייגן. זיי זיינען געפאָרן אין סענטיאַבער כוידעש. אַדאַנק די האַרבסטיקע קעלטן זיינען די גלעטשערס צעגאַנגען פּאַמעלעכער, איידער זומער, די טייכן זיינען געווען ווייניק־וואַסערדיקע, און די דייטשן האָבן געקאָנט פאָרן ביז סאַמע קוזגון רייטנדיק. פאַר אונדז איז דאָס געווען אומעגלעך און ס'איז אויסגעקומען, צו אינדזער גרויסן פאַרדראָס, גיין צופוס). דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג, האָבנדיק אָנגעלאָדן יעדער אין זיין רוקזאַק צו 16 קילאָגראַם פאַרשיידענע פּראָדוקטן און אויסשטאַטונג.

מיר האָבן זיך גלייך געטרוט פאַרנעמען שטייל אינדערהייך, זיך אויפהייבן איבערן זייטיקן באַרג־רוקן ביז זיין קאַם און שוין איבער אים זיך באַוועגן ווייטער פאָרויס. דעם דאָזיקן וועג האָבן ניקאָליי וואַסיליעוויטש און באַרכאַש נאָך נעכטן באַוויזן אויסשפּירן. נאָר ווייטער האָבן מיר קיין זאַך ניט געוווּסט. ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַן ערך 2 שעה איבערן קאַם, האָבן מיר שוין אינדערפינצטער זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין טאָל. דער דאָזיקער אַראָפּגאַנג האָט זיך געצויגן איבערן אָפּגעהאַקטן שיפּוע גלייך אַראָפּצו. קעדיי ניט אומצופאַלן, איז אונדז אויסגעקומען אָנצוכאַפּן זיך מיט די הענט אָן שטיינער. מיר זיינען געגאַנגען איינע נאָך די אַנדערע. אַלע ווייַלע האָבן זיך פון אונטער די פיס אַרויסגעריסן שטיינער און האָבן זיך געקייקלט אַראָפּ. יעדע מינוט האָט דער, וואָס איז געגאַנגען אונטן, געקאָנט באַקומען מיט אַ „שטיינדל" אין קאָפּ. עס האָבן זיך קעסיידער געהערט אויסגעשרייען:

— היט זיך! אַ שטיין פליט!

און די אומגליקלעכע אונטערשטע האָבן געכוּוט אויף אַזאַ שטיילן אַראָפּגאַנג אָפּקערן זיך אָן אַ זייט.

נאָר דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען ניט אַזוי שרעקלעך, ווען ניט דער רוקזאַק, וואָס האָט איצט, ווי עס האָט זיך אויסגעדרוקט, פאַרמאָגט ניט 16 קילאָגראַם וואָג, נאָר אַכאַך טאָן. ער האָט אַזוי געדריקט און אונטערגעשטופּט, אַז מיר פלעגן צייטנווייז זיך מוזן פּאַשעט צוזעצן און אַראָפּלאָזן זיך איבער די שטיילע אָפּשיטן אַראָפּצו. ענדלעך זיינען מיר אין פולשטענדיקן כוישעך, אינגאַנצן אויסגעשעפּטע, געקומען צו אַ

גראז-מאלכל. וו עס זיינען געוואקסן עטלעכע ביימער. מיר האבן מיי-
קעף אפגעשטעלט א ביידל, האבן בעצונדן א שייטערהויפן און האבן
זיך דערהוייל, ביז עס האט זיך געקאכט די טיי פון דעם שרעקלעך
מוטנעם טייך-וואסער, אוועקגעזעצט באם שייטערהויפן און זיך גענומען
ברענגען אין ארדענונג די צעריסענע בגדים און פארבאנדאזשירן די
הענט און די פיס, וואס זיינען געווען צעריסן ביז בלוט. נאכן טיי האבן
מיר זיך גלייך אוועקגעלייגט שלאפן.

באנאכט איז געשען אזוינס, וואס האט אפן ערשטן בליק אויסגעזען
צו זיין אינגאנצן ניט וויכטיק, נאר אין דער צוקונפט האט דאס פאר
אונדז געשפילט א באדייטנדיקע ראליע: עס האט אנגעהויבן גיין א
רעגן. דער פראכטפולער פאמירער וועטער, ווען קיין רעגנס גייען ניט
צו 2-3 כאדאשים, האט זיך שטארק געביטן. דער רעגן איז אינגיכן פא-
ריבער. מיר האבן אף אים קיין שום אכט ניט געלייגט, און אינדערפרי
האבן מיר זיך אונטער די גליענדיקע זונען-שטראלן געלאזן איבערן
טאל, אבסאליוט ניט וויסנדיק דעם וועג. אינגיכן, ווען מיר זיינען דורכ-
געגאנגען דאס קליינינקע טייכל קאכאן-סו, וואס פליסט אראפ איבערן
זייטיקן בארג-שפאלט, האבן מיר זיך ווידער אנגעשטויסן אן א פעלדז,
האוס צו וועלכן עס איז צוגעגאנגען סויק-סיי, פארשטעלנדיק אונדז
ווייטער דעם וועג.

מיר שטייגן ווייטער ארויף.

צוויי מיט א האלבע שא זיינען מיר בוכשטעבלעך געקראכן ארופצו
איבער אפשיכן, איבער שטיינער. ווען מיר האבן זיך מידע צוגעזעצט
אפן גראז, האבן מיר זיך אומגעקוקט, אז מיר זיינען ארופגעגאנגען
גארניט קיין סאך. ווייטער האבן מיר באשלאסן ניט שטייגן, נאר גיין
פאראלעל דעם טייך. אן ערעך אין צוויי שא ארום האבן מיר זיך איבער
א פראכטפולן גרויז-אראפגאנג אראפגעלאזן אין טאל. ס'איז אונדז פאר-
געשטאנען אריבערצוגיין דאס זייטיקע טייכל טשאק-מאן-טאוש. מיר האבן
אויסגעטאן די שיך, פארקאטשעט די הויזן און מיט אייז-ברעכער אין די
הענט האבן מיר אנגעהויבן אריבערגיין.

פאר אונדז איז דאס דאזיקע אריבערגיין געווען דאס זעלבע, וואס
פאר די פערד דאס אריבערגיין סויק-טייס: די גאנצע אויפמערקזאמקייט
אונדזערע איז געווען געווענדט אף דער געפאר אראפגעשווענקט צו
ווערן מיטן וואסער. ניט געקוקט אף דעם, וואס דאס וואסער איז ניט

דערגאַנגען ביזן גאַרטל. פֿונדעסטוועגן איז זייער שווער געווען צו באַוועגן זיך. מיר האָבן זיך גענומען האַלטן פֿאַר די הענט און אַזוי אַרום קעמפֿן מיטן שטראָם. די פֿיס זיינען גלייך פֿאַרגליווערט געוואָרן, ווייל די טעמפּעראַטור פֿונעם וואַסער איז געווען נול גראַד און דאָס וואַסער איז ניט פֿאַרפֿראָרן געוואָרן נאָר אַדאַנק דער שנעלקייט פֿונעם שטראָם.

נאָך דעם, ווי מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען בעם טייך, האָבן מיר זיך אַ ביסל אָפּגערוט, איבערגעטאָן און זיך געלאָזן ווייטער אין וועג. דאָ איז דער טאָל געווען ברייטער, דער טייך איז געפֿלאָסן סאַכע אינמיטן פֿונעם טאָל און מע האָט פֿריי געקאָנט גיין. דער וועג איז פֿאַרהעלטנמעסיק געווען אַ לייכטער, נאָר אונדז האָט ער איצט אויסגעוויזן שווער, ווייל עס האָבן זיך אַלץ מער און מער געלאָזט פֿילן אונדזערע שווערע זעק אויף די פּלייצעס. אין דריי שעה אַרום האָבן מיר אויף יענער זייט טייך דערזען אַ קליין וועלדל און אַ בערג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גראָז. דאָס איז געווען קוזגון-טאַקיי.

קאַפּיטל דרייצן

# די פֿאַרעטערישע ליים

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף איבערצונעכטיקן. אויף דעם דאָזיקן וויסטן ברעג טייך איז ניט געווען קיין האָלץ, און מיר האָבן גענומען קאָכן דאָס עסן אויף טרוקענע וואָרצלען, וואָס האָבן געברענט זייער שלעכט. אויף מאָרגן זיינען אַלע, אויסער באַרכאַשן און קרילענקאָן, וואָס זיינען געבליבן פֿאַר ווייטערדיקע אויסשפּירונגען, אַוועק צוריק נאָך די איבעריקע טרעגער. ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען צום טאָלכל, פֿון וועלכן מיר האָבן זיך אייערנעכטן אַראָפּגעלאָזן, זיינען מיר אַלע געווען דערשטוינט, ווי שטייל עס איז געווען דער אַראָפּגאַנג. ערשט איצט האָבן מיר דערזען, וואָס ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט — דאָן, באַנאַכט, האָבן מיר דאָס ניט באַמערקט. דער קאָלאָסאַלער זאַמדיק-שטיינערנער אָפּשיט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן קימאַט ווערטיקאַל צום טאָל. גיין איצט אַרויפֿצו איבער דעם דאָזיקן אָפּשיט איז געווען ניט נאָר שווער און פֿאַרמאַטערדיק, נאָר אַפֿילע קימאַט אוממעגלעך.

וויקטאָר ניקיטין האָט פֿאָרגעלייגט, מיר זאָלן פּרוּוון גיין מיטן ברעג

טייך. אזויצרים האָבן מיר געקאָנט, ערשטנס, פאַרקירצנדיק דעם וועג געווינען צייט, און, צווייטנס, אויסבײַדן דאָס דאָזיקע פאַרשאָלטענע אויפהייבן זיך אינדערהייך. אזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. מיר זיינען אַוועק, ריזיקירנדיק אָבער דערביי אָנצושטויסן זיך אָן עפּעס אַן אַראָפּהענגענדיקן ניט־דורכגאַנגבאַרן אויסשטאַרץ. דאָס וואָלט אונדז געצווונגען זיך אומצוקערן צוריק, האָבנדיק דערביי פאַרלאָרן אַ סך קייכעס און צייט. נאָר „ווער עס ריזיקירט ניט, דער געווינט ניט", זאָגט דאָס ווערטל. און מיר האָבן טאַקע שפּעטער קיין חרטה ניט געהאַט. פון אָנהייב איז געווען לייכט צו גיין. מיר זיינען געגאַנגען איבער אַ גלייכן ברעג. נאָר וואָס ווייטער גייט דער טייך אַלץ נעענטער צו צו די פעלדזן און אונדז קומט אויס צו גיין איבער אַן אָפּשיט, ריזיקירנדיק אַראָפּצוקייקלען זיך אין דעם גוואַלדיק קאָכיקן קעסל־גרוב. אין איין אָרט איז דער אָפּשיט איבערגעגאַנגען אין פאַרהאַרטעוועטן ליים, אויף וועלכן די פיס האָבן זיך אינגאַנצן ניט געוואָלט האַלטן.

סטאַך איז געגאַנגען איבער אַריקן. פּלוצלינג פאַרלירט ער דאָס גלייכגעוויכט און קייקלט זיך אַראָפּצו. ער פּרוּווט זיך איינהאַלטן מיטן אייזבערעכער, אָבער דער אייזבערעכער גייט ניט אַריין אינעם האַרטן ליים. אין באַוווּסטזיין פליט בליצשנעל דורך דער געדאַנק: „פאַלן — הייסט אומקומען". אָבער עס העלפט אים אַרויס אַריקס אייזבערעכער, וואָס יענער האָט אונטערגעשטעלט. ס'איז פאַראַן אַ שטיצפּונקט. און אָט זיינען מיר ביידע געבליבן הענגען איבערן טייך. די לאַגע איז אַ קריטישע. מיר האַלטן זיך ביידע פעסט. אָבער מע קאָן קיין טראָט ניט טאָן ניט פאָרויס, ניט צוריק — ס'איז ניטאָ וווּ אַוועקצושטעלן אַ פוס. מיר האָבן זיך גענומען אויסהאַקן טרעפּלעך. ניט רירנדיק זיך פון אָרט און ניט איבערשטעלנדיק דעם אייזבערעכער, אויף וועלכן סטאַך איז געשטאַנען, האָט אַריק אים פעסט אָנגעכאַפּט מיט דער פרייער האַנט פאַרן גאַרטל. סטאַך האָט פאָרזיכטיק אָנגעהויבן האַקן. ווען ער האָט אויסגעהאַקט איין טרעפּל, האָבן מיר זיך ווי ניט איז אַ רוק געטאָן פאָרויס, אויף אַזאַ אויפן האָבן מיר אויסגעהאַקט אויך די אַנדערע צוויי טרעפּלעך.

— הוראַ! — האָט זיך באַ אונדז ניט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט, ווען מיר זיינען אַרויפגעטראָטן אויף די דריבנע שטיינדלעך.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען איבער די שטיינדלעך נאָך עטלעכע שטיילע ערטער און זיינען ענדלעך אַרויסגעגאַנגען אויף אַ גוטן וועג.

באַלד האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף א קליינער שטיינערנער פּי־ראַמידקע, וואָס קרילענקאָ האָט נאָך פריער אויפגעשטעלט, ווען ער איז געגאַנגען אויף דער צווישפּירונג. מיר לייגן א צעטל, וואָס מיר האָבן געפונען אין די שטיינער: „שטעלט זיך אָפּ. ווייטער קאָן מען ניט פאָרן, מיר וואַרטן דאָ אויף אייך אין האָלכל״. דאַן זיינען מיר ביז דער דאָזיקער פּיראַמידע ניט דערפאָרן, ווייל מיר האָבן באַגעגנט לאַדקינען, וועלכער האָט אונדז אָנגעוויזן דעם וועג. איצט האָבן מיר געלאַכט פון זיך. און חירקלעך, פערד וואָלטן דאָרטן ניט דורכגעגאַנגען, נאָר מענטשן זיינען אַדורך. פאַר 6 שאָ האָבן מיר דורכגעמאַכט א וועג, אויף וועלכן מיר האָבן ביז אַהער געפּאַטערט קימאַט צוויי טעג. נאָר איצט זיינען מיר געגאַנגען אָן פּעק און דער אַנטדעקטער נייער וועג האָט פאַרקירצט דעם שטיילן אַרופגאַנג. אין א האַלבער שאָ אַרום האָבן מיר זיך אויפגעהויבן איבער א שטיינערנעם האָלכל און זיינען שוין געווען אויף אונדזער באַזע. דאָרט האָט געוואַרט דער טאָפּאָגראַף גערסימאָוו, וואָס האָט אונדז דעריאָגט מיט דריי רויטאַרמייער און דריי טרעגער. פיאָדער יאַקאָווליעוויטש גערסימאָוו איז געווען א דערפאַרענער טאָפּאָגראַף און בכלל א גוטער כאַווער. אין די בערג איז ער געווען צום ערשטן מאָל און ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער זיך שוין אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין שלעכטן און דרייסטן אַלפּיניסט.

די דריי רויטאַרמייער, גערסימאָוו מיטהעלפער אין זיין טאָפּאָ־גראַפישער אַרבעט: נאַגומאַנאָוו, סאַוכאַוטדינאָוו און גיזיאַטאָוו, זיינען געווען ווילע, דרייסטע כעווריע. פאַר זיי זיינען זיי שוין געווען אויף פאַמיר מיט דער רוסיש־דייטשישער עקספּעדיציע. פאַר די צוויי כאַראַשים, וואָס זיי זיינען געווען מיט דער עקספּעדיציע, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר אויסגעהאַלטענע, פאַרהאַרטעוועטע רייזנדער. רייזי־קירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, האָבן זיי עטלעכע מאָל געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע. דעריבער זיינען זיי האַיאָר ווידער געפאָרן אויף פאַמיר.

אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר, אויסגערוטע, אָנגעלאָדענע מיט שווערע פּעק, זיך געלאָזן אַלע צוזאַמען צוריק קיין קוזגון, איבערלאָזנ־דיק נאָר מיט די פערד נאָר סעניאָנען. אינאָוונט זיינען מיר געווען דאָרט. אונדזערע אויסשפּירער האָבן זיך נאָך ניט אומגעקערט. מיר האָבן זיך דויק געלייגט שלאָפן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז זיי וועלן קו־

מען מאָרגן. נאָר צו אינדערפרי זײַנען זיי אויך ניט געווען. זיי זײַנען ניט געקומען אויך אין אָוונט. מיר זײַנען שטאַרק אומרויק געוואָרן און האָבן באַשלאָסן זיך אַוועקלאָזן זיי זוכן. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין אויפרעגונג. עס זײַנען געקראָכן אין קאָפּ פאַרשיידענע ווילדע געדאַנקען: „איז דען מעגלעך צו געפינען דאָ צווישן אײַז און פעלדזן די צוויי פאַרלאָרענע דרייסטע יונגען?

גאַנץ פרי, ווען אַלע האָבן זיך שוין געקליבן זיי גיין זוכן, האָבן זיך פון הינטערן ראָג באַוויזן ניקאָלײ וואַסיליעוויטש און לעוו לוואָוויטש. אַן אויסזען האָבן זיי געהאַט ניט קיין יאָמערדיקן — שמוציקע, מיט אָפּגעריבענע פּענעמער און מיט צעריסענע בגדים, זײַנען זיי ענלעך געווען אַף „רוכעס פון יענער וועלט". מיר האָבן זיי געגעבן עסן און זיך גלייך גענומען פאַנאַנדערפרעגן. די מיטיילונגען זײַנען געווען זייער טרויעריק:

— בײַ דער לינקער זײַט טײַך איז אוממעגלעך צו גיין, — זאָגט באַר-כאַס, — עס פאַרשטעלט דעם וועג אַ נאָדלאַרטיקער גלעטשער, אַף וועלכן עס איז ניט פאַראַן קיין איין אָרט, וווּ אַ מענטש זאָל קאָנען אײַנשטיין. עס וועט אויסקומען אַריבערצוגיין אַף יענער זײַט טײַך, וווּ דער וועג איז מער-ווייניקער צו דערליידן. נאָר אָן פערד וועט מען דאָס ניט קענען דורכמאַכן. אויב מיר וועלן זיי ניט קאָנען ברענגען אַהער, וועט מען זיך מוזן אומקערן צוריק.

— אַלזאָ, ווערלאַנג די פערד! — האָט פאַרענדיקט באַרכאַש דערציילן דער כ׳ קרילענקאָ און האָט דרעענדיק אַ קוק געטאָן אַפן ברויזנדיקן און שוימענדיקן סוק-סײַ.

קאַפּיטל פערצן

# אַ ריזיקאַלישער אַריבערגאַנג

ברענגען די פערד האָבן מיר איבערגעגעבן אונדזערע געניטסטע רויט-אַרמייער. דער באַפעל איז געווען — אין משך פון צוויי טעג ברענגען אַהער כאָטש אײנעם פון די שטאַרקסטע פערד. ניט פאַרלירנדיק קיין צײַט, האָבן אונדזערע כעווערע דעם זעלבן טאָג זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן. מיר, פון אונדזער זײַט, האָבן באַשלאָסן די צײַט, וואָס מיר

וועלן אף זיי וואַרטן, אַרויסגיצן אף אָפּרו. אַזן אַנדערן טאָג אינדערפרי איז ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש אַוועק אף געיעג. אַזוי ווײַט אַזוי ווײַט צוועלף אַז ער געקומען צוריק מיט א פּאָר ווילדע קאַטשקעס און א באַדזשערזאַן. — וועלן מיר דאָס היינט מאַכן א סודע, אין עסמעסן זופּ פון ווילדס,—האָט אונדז געגריסט דער יעגער.

קאָכן מיטיק איז נאָך געווען פרי. די זון האָט געסכּאַליעט, ווינען מיר אַרײַנגעקראָכן אין ביידל. ווער עס האָט געשריבן זײַן טאָגבוך, און ווער עס האָט געלייענט. אַזוינער צווייט איז סטאַך, וואָס האָט היינט דעזשורעט, אַרויסגעקראָכן פון ביידל קעדיי צו צעלייגן פײַער. אין אומגעריכטער „הורא" האָט אַלעמען געצוווּנגען אַרויסצוקריכן פון ביידל. פון הינטערן ראָג האָבן זיך באַוויזן איינער, צוויי און דערנאָך שוין אַלע איבעריקע פערד, אָנגעלאָדענע מיטן רעשט פון אונדזער אויסשטאַטונג. אף דעם האָבן מיר זיך שוין גאָרניט געריכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזערע רויטאַרמייער און סעמיאָנען האָט זיך איינגעגעבן צוויי מאָל אַריבערגיין דעם סויק-סײַ, אין וועלכן דאָס וואַסער איז צוליב די פרעסט פאַר די 10 טעג פון אונדזער רייזע איבער די בערג שטאַרק אָפּגעפאַלן. הייסט עס, אונדזער גאַנצע מי אף צו ברענגען אַהער די זאַכן און אויסשטאַטונג איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אף איינעם פון די פערד איז, מיט א ביקס איבער דער פּלייצע, מיט גרויסקייט, געריטן וואַסיע דער בימיקער. אָנגעלאָפן זיך צוזאַם אף געיעג אין טערס-אַגאַר און זיינע אומגעגנטן, האָט ער באַשלאָסן צו פּרוּוון מאַזל אין טאָל פון סווק-סײַ.

יעדערער איז גלייך געלאָפן אַרומנעמען זיין פערד. אַרום האָט מען בלויז געקענט הערן. „ליבער האַמבורג, עפּשער ווילסטו צוקער?" — אָדער: „גרושא, האָבער געבן דיר צי וואָס?" — „וואַרוואַר, הינטיש פעל, געבן דיר א טרונק?..."

יאָ, אין דעם מאָמענט זיינען פאַר אונדז די פערד געווען אַלץ. בלויז פון זיי איז אָפּהענגיק געווען אונדזער ווייטערדיקע באַוועגונג פאָרויס. די רויטאַרמייער האָבן אונדז אויך מיטגעטיילט, אַז די גאַנצע געאָלאָגישע גרופּע, מיט דימיטרי וואַסיליעוויטש ניקיטינען אין דער שפּיץ, באַוועגט זיך נאָך אונדז און וועט אין עטלעכע טעג אַרום זיין אין קוזגון-טאָקײַ, וווּ זי וועט דורכפירן אירע ווייטערדיקע אַרבעטן. ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש און באַרכאַש זיינען טייקעף, עטעס, רייטנדיק, שוין, אַוועקגעפאָרן זען זיך מיט דימיטרי וואַסיליעוויטשן. מיר מיט

וויקטאָרן האָבן זיי איבערגעגעבן מיר זאָלן זיי מעגלעך גיכער אָרגאַני-זירן דאָס אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט. אַזייגער פֿינף איז ניקאָלאַי וואַסיליעוויטש אָפּגעפֿאָרן, און מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס צו טאָן.

אינדערפֿרי פֿון 5 ביז 8 אַזייגער, ווען די זון וואַרעמט נאָך ניט אַזוי, אַז די גלעטשערן זאָלן זיך שמעלצן און צעגיין, ברענגען די ריטשקעלעך, וואָס רינען פֿון זיי אַראָפּ, ווייניק וואַסער אין די טאָלן דעריבער זייַנען די באַרג-טייכן ניט אַזוי טיף, און ס'איז לייכטער זיי אַריבערצוגיין. נאָר פֿון 8-9 אַזייגער, ווען עס הייבט אָן איר צעשטע-רערישע אַרבעט די ברענענדיקע זון פֿון פּאַמיר, ווערן די קליינע ריטשקעלעך פֿאַרוואַנדלט אין טייכלעך, און די באַרג-טייכן ווערן אָנ-געקוואָלן פֿון דעם צוגעקומענעם וואַסער, רעווען, בושעווען און, שטאָר-מענדיק אַראָפּ צום יאַם, שלאָגן זיי זיך דורך נײַע וועגן, פֿאַרכאַפּנדיק מיט זיך אַלץ, וואָס געפֿינט זיך בײַ זיי אויפֿן וועג.

איצט איז שוין געווען 6 אַזייגער אינאָוונט, ד.ה., די צייט פֿונעם גרעסטן וואַסער-אויפֿשטייג, נאָר מיר האָבן ניט געהאַט קיין געדולד און האָבן געפּאָדערט זיך כאָטש לאָזן אין וועג. וויקטאָר האָט פֿאָרגעלייגט אָפּוואַרטן ביז אינדערפֿרי. די דיסקוסיע האָט געדויערט ניט לאַנג, אונדז האָט אונטערגעהאַלטן סעמיאָן, און וויקטאָר האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. מיר האָבן באַשלאָסן צו ריזיקירן, און שוין גלייך מיט אַלע זאַפּאַסן און אויסשטאַטונג אָרגאַניזירן דאָס אַריבערגיין דעם טייך. וויקטאָר מיט סעמ-יאָנען זייַנען צוועקגעפֿאָרן זוכן אַן אָרט, וווּ מע זאָל קאָנען אַריבערגיין צופֿוס, און מיר האָבן אויף דער גיך פֿאַרפּאַקט די זאַכן און אָנגעלאָדן די פֿערד. געפּאַקט האָבן מיר זיך ווי ניט איז. געטראַכט האָבן מיר: מע דאַרף דאָך דורכפֿאָרן סך־הכּל בײַ אַ קילאָמעטער. דאָס אַפּטייקל האָבן מיר אײַנגעפּאַקט אין אַ ברעזענט, און מורא האָבנדיק, אַז די גלעזלעך זאָלן זיך ניט צעברעכן אין די פּעק, האָט מען עס געגעבן סטאַכן אין די הענט אַרײַן.

מע דאַרף זאָגן, אַז סטאַכס פֿערד איז געווען ניט קיין געציימטער, זיין צוים האָט מען אָפּגעגעבן די אָנגעלאָדענע פֿערד, מיט דעם מיין, אַז סטאַכס פֿערד איז אַ רויִקער און וועט אַליין גיין נאָך די איבעריקע. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אַלץ געווען פֿאַרטיק. צו דער צייט זייַנען גע-קומען צוריק מיט וויקטאָרן זיי, האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געפֿונען

ניט ווייט פונדאנען א גאנץ צוגעפאסט אָרט. מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג. עס איז צוגעפאלן דער אָוונט. ארום איז געוואָרן גרוי. פאָרויס איז געפאָרן סעמיאָן, נאָך אים אריק, דערנאָך וואסיע דער כימיקער. און נאָך זיי איז מיטן אפטייקל אין האנט געפאָרן סטאך.

סעמיאָן איז ווי אלעמאָל דרייסט אריינגעפאָרן אין וואסער. דאָס אָרט אף אריבערצוגיין איז געווען אויסגעקליבן א גוט, א ברייט און א פלאך. נאָר פאָרן האָט [illegible] געדארפט זייער פאָרזיכטיק. ארום האָבן געשוימט שיפע קעסל-[illegible] וואָס זיינען געפאָרן פאָרויס נאָך סעמיאָנען, זיינען בעשאָלעס [illegible] געפאָרן אף יענער זייט, ניט פארנעצנדיק קימאט די פיס. נאָר [illegible]קנדיק זיך צוריק, האָבן זיי דערזען אזוינס, אז פון שרעק האָבן זיך די האָר געשטעלט קאפויער און דאָס בלוט אין די אָדערן איז שטיין געבליבן. וואסיע דעם כימיקערס שלעכט אָנגעצירטער פערד האָט זיך אראָפּגעקערעוועט פון גלייכן וועג און איז אריינגעפאלן אין א קעסל-גרוב. נאָך אים איז אוועק אויך סטאכס ניט געצוימטער פערד. ביידע פערד זיינען געווען ביז אריבערן האלדז אין וואסער. קיין גרונט אונטער די פיס איז ניט געווען און עס האָט זיי גענומען טראָגן. וואסיען האָט עס צום גליק ארויסגעטראָגן צום ברעג. א נאסער, א בלייכער און צעטראָגענער איז ער געשטאנען אף יענער זייט. נאָר סטאכן איז ניט געגאנגען ביז דעם. וואָס עס איז ניטאָ קיין צוים, זיינען נאָך די הענט אפצולאָכעס פארנומען מיטן אפטייקל. פרובירנדיק ארויסקריכן אפן הויכן, שטיינערדיקן ברעג, ווארפט זיך דאָס יונגע פערד אין וואסער, שטעלט זיך אף די הינטערשטע פיס. מיר אלע זעען, ווי סטאך גליטשט זיך אראָפּ אלץ נידעריקער און נידעריקער, נאָך א סעקונדע — און דאָס וואסער וועט אים צודעקן, דאָס וועט הייסן — פארפאלן. „פאר דער גרייווע האלט זיך, פאר דער גרייווע!" שרייען מיר מיט אומענטשלעכע קוילעס. צודריקנדיק מיט איין האנט דאָס אפטייקל, האָט ער מיט דער אנדערער האנט ארומגענומען דעם פערדס האלדז. דער פערד האָט זיך א ריס געטאָן און מיט גרויס מי ארויסגעשפרונגען מיטן רייטער אפן ברעג.

סטאך האָט גלייך, ווי נאָר ער איז אראָפּגעקראָכן פון פערד, אָנגעהויבן אויסקוועטשן זיינע דורך און דורך אויסגעווייקטע זאכן.

„נישקאָשע, ס'וועט אויסטריקענען!" — האָבן אלע געטרייסט סטאכן, — „גוט, וואָס דו האָסט זיך אליין ארויסגעקראבעט, אניט וואָלסטו „אוועקגעשוווּמען" פונדאנען און ס'וואָלט אויסגעקומען אָן דיר פאָרן ווייטער".

סטאַק האָט זיך געהאַט ניט ווייטער געטומלט צום האַרצן, נאָר דאָ איז געשען אַ צווייטע אומאָנגענעמלעכקייט: ער האָט ניט צוגעבונדן און האָט קיינעם ניט געגעבן צו האַלטן זיין פערד, און דער פערד איז אַוועקגעלאָפן נאָך די אַנגעלאָרענע, וועלכע די כרעגער האָבן אַוועקגעיאָגט קיין קחגון.

„קיין בייז“ — האָט אַריק געזאָגט, — מיר וועלן דערפאָרן אף איין פערד אויך. איצט זיינען פאַרבליבן אף יענער זייט בלויז צוויי טרעגער אף פערד, וואָס האָבן געדאַרפט אַריבערפירן אונדזערע שעפסן. די צעשראָקענע באַלעבאַטים זיינען געשטאַנען, צוגעדריקט זיך איינע צו די אַנדערע, און האָבן בעשומרפן ניט געוואָלט צוגיין נעענטער צום טייך.

מיר האָבן נאָך פון פריער אָפּגערעדט, אַז דזשאַמראַט וועט אַריבערוואַרפן איבערן טייך אַ שטריק. מיר וועלן אים אָנכאַפּן און וועלן אַזוי אַרום אַריבערשלעפּן די שעפסן. אף אָט דער אַרבעט זיינען פאַרבליבן ניקיטין מיט סטאַכן. די איבעריקע זיינען אַוועקגעפאָרן איינאָרדענען דעם לאַגער. ס'איז שוין געווען קימאַט אינגאַנצן פינצטער, אַזוי אַז מע האָט קוים געקענט זען, וואָס עס טוט זיך אף יענער זייט. און דאָרט האָט מען דערווייל צוגעבונדן די שעפסן צו אַ גרויסן אַרקאַן, און צונויפבינדנדיק איינעם צו דעם אַנדערן ניט געקוקט אף זייער ווידערשטאַנד, אַוועקגעשלעפּט זיי צום וואַסער. איין קירגיז האָט פעסט געהאַלטן די שעפסן און דזשאַמראַט האָט צונויפגעדרייט דעם אַרקאַן און אַריבערגעוואָרפן אים מיט אַלע קויכעס צו סטאַכן מיט וויקטאָרן. דער אַרקאַן איז אָבער געווען צו קורץ און דער ווינט האָט אים געטראָגן אָן אַ זייט. ווי דזשאַמראַט האָט זיך ניט באַמיט אַריבערוואַרפן דעם אַרקאַן, איז גאָר ניט אַרויסגעקומען. ער האָט צוגעבונדן צו אים זיין פאַס און אַלק, וואָס עס האָט זיך געמאַכט, נאָר דער אַרקאַן איז ביז יענער זייט ניט דערפלויגן. מע האָט געמוזט צוטראַכטן אַ ניי מיטל.

צוליב גערויש פונעם טייך האָט מען גאָרניט געקענט הערן, אַזוי אַז איבערשמועסן זיך איז געווען אוממעגלעך. צום סאָף האָבן וויקטאָר מיט סטאַכן דערזען צוויי געשטאַלטן פון רייטער, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון יענעם ברעג. דאָס איז געווען דזשאַמראַט מיט זיין כאַווער.

— אָבער ווו זיינען די שעפסן? ניט שוין-זשע האָבן זיי איבערגעלאָזן זיי אף יענער זייט? באָרנע!

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שעפסן האָבן זיי באַשלאָסן אַריבערצופירן אף אַ שטריק, אָבער דער טייך האָט אַרויסגעריסן דעם שטריק

באַם קינגיז פון די הענט. דאָס וואַכער האָט איבערגעקערט עטלעכע מאָל די אומגליקלעכע באַשעפעניש און עס האָט זיי אוועקגעטראָגן. סטאַך מיט וויקטאָרן האָבן זיך געלאָזט לויפן מיט אַלע קייכעס אַראָפּ-וואַסער. אין אַ מינוט פינף אַרום האָט דאָס וואַסער אַרויסגעוואָרפן די פאַרכלינעטע באַלעכייִם אַ פינף הונדערט טריט פון דעם אָרט, ווו מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך. ביידע שעפסן האָבן ניט געקענט שטיין אויף די פיס און האָבן בלויז נערוועז געציטערט מיט אַלע גלידער. מע האָט זיי גלייך געמוזט פאַנאַנדערבינדן און אָפּמינטערן. אַנדערש וואָלטן זיי געפייגערט. פאַר אונדז וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער פאַרלוסט, מאַכמעס זיי זיינען באַ אונדז געווען דער איינציקער זאַפּאַס פרישע שפּייז.

דערמיט האָט זיך געענדיקט דאָס אַריבערגיין, וואָס האָט אונדז שיר ניט געקאָסט דאָס לעבן פון איין מענטשן און צוויי שעפסן.

סטאַך האָט זיך געזעצט אַפן פערד צוזאַמען מיט אַריקן, און אין 15-10 מינוט אַרום זיינען אַלע געווען אין קוזגון-טאָקיי. ניט אָפּשטעלנדיק קיין ביידלעך, האָבן מיר צוגעדעקט די זאַכן מיט ברעזענט, זיינען אַריינגעקראָכן אין די שלאָף-זעק און טעכט אַנטשלאָפן געוואָרן.

קאַפּיטל טובצן

# קוזגון־טאָקיי

גאַנץ פרי האָבן מיר זיך געלאָזט זוכן רעשטלעך פונעם פאַראיאָריקן דייטשישן אָפּשטעל-פּונקט. אַ 40-30 טריט פון זונדוער לאַגער, אויף אַ קלייִנעם, שאָטנדיקן, פאַרשטעלטן פון ביימער פּלעצל, האָבן מיר געפונען ניט קיין גרויסע שטיינערנע פּיראַמידע, לעבן וועלכער עס זיינען געווען צעוואָרפן קאָנסערוון-קעסטלעך, עס האָבן זיך געוואַלגערט אַסאַך אַלטע באַנדאַזשן און וואַטע פאַרגעלטע פון עפּעס אַ שמירעכץ. דאָס האָט אונדז באַוויזן, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס זיינען באַם צוריקקערן זיך געווען באַ די דייטשן די פיס און וואָסערע קעלטן עס וואַרטן אויף אונדז דאָרטן, אויבן.

אַזויווי אַרויסטאָרן האָבן מיר באַדאַרפט מאָרגן, האָבן מיר געוואַרט, אַז אײַנאָוונט זאָל קומען ניקאָליי וואַסיליעוויטש און [illegible]אַרקאַש. ס'איז שוין געווען 8 אַזייגער. ס'איז שוין געוואָרן טונקל. פּלוצלינג האָבן מיר פון

י נער זייט, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, דערהערט א שאָס פון די אונדזע-ריקע, גלייך זיינען וויקטאָר מיט סעמיאָנען אוועקגעלאָפן צום ברעג ווייזן זיי, וו אריבערצוגיין. ביז טשורע זיינען דורכגעלאָפן א האלבן וויאָרסט, איז שוין געוואָרן פינצטער און אף יענער זייט האָט מען גאָרניט געזען. סעמיאָן איז געבליבן שיסן פון נאהאַן. און וויקטאָר איז געקומען צו-לויפן צוריק צו אונדז, שיסנדיק אין גאַנג פון דער ביקס. מיר האָבן זיך אלע א לאָז געטאָן צו סעמיאָנען. נאָר, ניט געקוקט אף אונדזער מוירע-דיקער שיסעריי, האָט מען פון יענעם ברעג ניט געענטפערט. ווייזט אויס זיי האָבן באשלאָסן היינט ניט אריבערגיין און האָבן ניט פארשטאנען די סיבע פון אונדזער שיסעריי, דאַן האָבן מיר באשלאָסן לאָזן א ראַ-קעטע אין זייער זייט. ווייל, לויט סעמיאָנס ווערטער, האָט דאָס געדארפט באטייטן: „וואַרט, מאָרגן פרי וועלן מיר אייך אריבערפירן". נאָר דאָ איז אונדז אויך ניט געגאַנגען. האַגאַם סעמיאָן האָט זיך באריכט. אז ער האָט פריער געלאָזן א סאך ראקעטעס, האָט ער היינט עפעס אָנגעטאָן זי לאָזן אינדערהייך, געלאָזן זי אונדז אונטער די פיס, דערביי האָט ער זיך שטארק אָפּגעבאַקט די פינגער. נאָכדעם האָבן מיר געמוזט ניט א שלעכטן פאָרגעפיל זיך אומקערן אין לאַגער.

אף מאָרגן, קוים עס האָט געטאָגט אף טאָג, מיר זיינען נאָך גע-שלאָפן, איז סעמיאָן ארויסגעפאָרן באגעגענען אונדזערע. טויטעדיק פאַר-פראָרענע פאַר דער נאַכט, וואָס זיי האָבן פארבראַכט אָן ביידלעך און אָן שלאָפזעק, זיינען זיי געווען ניט אין קיין פויגלדיקער שטימונג; זיי האָבן אונדז ווי געהעריק אויסגעזידלט פאַר דער נעכטיקער שיסעריי און ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער אומזיסט געפאטערטער ראקעטע, האָט ניקאָלײַ וואַסילעוויטש געוואָלט גלייך אף אן אָרט אומקערן אונדז קיין מאָסקווע, אָבער נאָכן אויסטרינקען הייסע טיי האָבן זיך אלע באַ-רויִקט. נאָך א קורצער באראטונג האָט מען באשלאָסן ארויספאָרן מאָרגן. די גאנצע פארבליבענע צייט האָבן מיר אויסגענוצט אף צוגרייטן זיך צו דער אטאקע קעגן די אייביקע אייז און שנייען.

מע האָט אונטערגעקלאפט שיך, ביידלעך, געשארפט די קלעטער-שיך, די אייז-האקערס, ארופגעקלאפט אף די שיך זאפאסנע טשוועקעס, מע האָט דורכגעקאָנטראָלירט די פעסטקייט פון די רימענס און פון דער אי-בעריקער אויסשטאטונג. פלוצים האָבן זיך דערהערט א פאָר שאָסן טאקע איבער אונדז. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז וואסיע האָט, אין יעגערשן

אזארט. געשאָסן אין די שײַנע פֿײגעלעך, וואָס זײַנען ארומגעפֿלויגן דאָ איבער די בײַדלעך. נאָר אזא געיעג האָט שלעכט געווירקט אף די פֿערד, וואָס האָבן זיך דערפֿון געשראָקן, און אונדז אליין האָט זיך אויך ניט נאָר שטארק געוואָלט ארײַנפֿאלן אין וואסיעס קאָלעקציע. דעריבער האָט ניקאָליי-וואסיליעוויטש פֿאָרגעלייגט פֿאר אזעלכע שפּאצירן צו זוכן זיך אן ערטעלע א ווײַטערס.

אף מאָרגן, א ווײַטער עלף, נאָך דעם, ווי מיר האָבן פֿארענדיקט דאָס מאַקן, זיך האָבן מיר זיך רײַטנדיק געלאָזט אין וועג ארײַן. מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דאָס דאָזיקע באַוועגונג-מיטל ביז עס וועט זיך נאָר לאָזן. און דערנאָך מיט איינעם פֿון די דרײַ רויטארמייער אָפּשיקן די פֿערד צוריק. אף דער באַזע זײַנען געבליבן סעמיאָן און וואסיע דער כימיקער, וועלכע האָבן ווײַטער ניט געהאט וואָס צו טאָן.

דער וועג איז געגאנגען איבערן טאָל פֿון א טײַך. דאָ בײַטן די טײַכן זייער אָפֿט זייער בעט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אזאך גרויסע שטיינער. זאמד טרעפֿט זיך זעלטן, און די פֿערד גייען פּאמעלעך איבער דעם דורכויס שטייניקן וועג. צײַטנווײַז גייט צו דער טיזק-טײַ, וואָס פֿליסט דאָ לינקס, אזוי נאָענט צו די פֿעלדזן, וואָס הענגען איבער אונדז, אז עס קומט אויס ארומצופֿאָרן זיי מיטן וואסער. אין איין אָרט שניידן זיך די פֿעלדזן זייער טיף ארײַן אין וואסער. נאָר דער טײַך איז דאָ אזוי שטורמיש, אז ארומפֿאָרן די פֿעלדזן מיטן וואסער איז געווען אוממעגלעך. ס'איז אויסגעקומען איינעם פֿעסטן באָרן פֿאַזע דעם טײַך דורכהאַקן מיט די אײַזן-ברעכער א וועג פֿאר די פֿערד.

באַגיסנדיק זיך מיט שווייס, האָבן מיר א שאָ צוויי געהאקט און געשלעפּט די שטיינער, ביז סאָף איז דאָס שטעגל געווען פֿארטיק. אָבער די אָנגעלאָדענע פֿערד וואָלטן סײַ ווי דאָ ניט דורכגעגאנגען, האָבן מיר די פּעק אריבערגעשלעפּט אף זיך און די פֿערד מיט גרויס מי אריבערגעפֿירט איבערן געפֿערלעכן אָרט. זיי גליטשן זיך אויס קעסיידער און שטופּן מיטן קאָפּ דעם מענטשן, וואָס פֿירט זיי, אזוי אז קעדיי ניט אראָפּגעשלײַדערט צו ווערן אין טײַך ארײַן, איז אויסגעקומען קעסיידער צו לויפֿן.

אריבערגעפֿירט די פֿערד, צוגעביסן און אָפּגערוט זיך, האָבן מיר זיך געלאָזן ווײַטער אין וועג. אין א שאָ צוויי ארום האָט ניקאָליי וואסיליעוויטש האָט געקענט די געגנט, א געשריי געטאָן צו באַרכאַשן:

— לוואָוויטש, גרייט צו כעווירע צום סאַליוט!

פון אָנהייב האָבן מיר ניט פאַרקסאַצט ווען וואָס עס האַנדלט זיך
נאָר ווען אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער גלע-
טשער, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון ווייטן באַרג-שפּאַלט, האָבן מיר אַראָפּ-
גענומען די היט, אויסגעריבן די אייז-האַקערס און דערמיט אויסגעדריקט
אונדזער אכטונג.

פאַרשאָטן אײַנגעגבן מיט שטיינדלעך און זאַמד, האָט דער גלעטשער
אויסגעזען ווי אַ טונקל-גרויע מאַסע. לויט דער לאַגע, וואָס ער האָט פאַר-
נומען, האָבן מיר אים אָנגערופן „ערשטער קווער״ גלעטשער (אַזוי
האָט מען אים אויך פאַרצייכנט אויף דער קאַרטע). דאָס איז געווען טאַקע
דער גלעטשער, ביז וועלכן עס זײַנען ביז דער אויסשפּירונג דערגאַנ-
גען ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש מיט באַרכאַשן. דורכגײַין איבער זײַנע שאַרפע
נאָדלען און הויכע בוהרעס איז געווען אוממעגלעך. דער טײַך איז גע-
פלאָסן האַרט באַם גלעטשער. איבערן וואַסער האָבן זיך געטראָגן גוואַל-
טיקע גרויסע אײַז-שטיקער. די זון איז פאַרגאַנגען. ס׳איז געוואָרן טונקל.
ריסן אין ברויזנדיקן טײַך אַרײַן, איז געוואָרן טומנע.
צוגעפאָרן צום גלעטשער, האָבן מיר זיך אײַנגעאָרדנט אויף נאַכט-לע-
גער, ס׳האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן די קעלט. מיר האָבן זיך געמוזט
אָנטאָן וואַרעמער. מיר אײַלן זיך צעלייגן אַ שײַטערהויפן. פעסט צו-
גערדריקט איינער צום אַנדערן, טרינקען מיר מיט גרויס האַנאָע הייסע
טיי.

אינדערפרי, ווען מיר זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די וואַרעמע שלאָפ-
זעק, האָבן מיר דערזען אַ בלאַנקענדיק-ווײַסן שניי, וואָס איז פאַר דער
נאַכט אַרויסגעפאַלן.

ווען מיר זײַנען דורכגעפאָרן דעם טײַך, וואָס איז פאַרקוועטשט צווישן
די גלעטשער און די פעלדזן, זײַנען מיר ווײַטער אַרויסגעפאָרן אויף אַן אײַנ-
טאָניקן, שטייניקן, עמעס, עטוואָס ברייטערן, טאָל פון טײַך. די פערד
האָבן זיך יעדע רעגע פאַרשטעפּט אין שטיינער, צעדראַפּענדיק זיך די פיס
ביז בלוט. מיר האָבן פאַרגעוועצט אונדזער וועג, ביז מיר האָבן זיך ניט
אָנגעשטויסן אויף אַ נײַעם, קאָלאָסאַלן גלעטשער, וואָס האָט זיך אַרויפגע-
גליטשט פון אויבן — „צווייטער קווער-גלעטשער״.

## קאפיטל זעכצן

# איבער גלעטשערס און פעלדזן

דער גלעטשער האָט איצט אָנגעפילט אלע באַרג-שפּאַלטן און האָט פאַרצוקט דעם וועג. פונדאַנען האָט מיר שוין באַדאַרפט אָפּשיקן די פערד און ווייטער זיך באַוועגן צופוס. אוועקגעשטעלט דאָס ביידל לעבן סאַמע אייז, האָבן מיר אָנגעשריבן די לעצטע בריוו אהיים, און די געזאָלאָגן האָבן זיי צוגעזאָגט אָפּשיקן מיט איינעם פון זייערע אַרבעטער קיין פערגאַנע. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ האָבן מיר איבערגעגעבן דעם רווימאַרמיטער גיזיאַטאָוון, וועלכער האָט אוועקגעטריבן די פערד צוריק קיין קוזגון. אזוי ווי ביז פינצטער איז נאָך פאַרבליבן אביסל צייט, האָבן מיר זאַלבעצאַנד גענומען די אייז-בערעכער און זיינען אוועק זיך דורכגיין צו דער גיגאַנטישער אייז-הייל (פונוואַנען עס פליסט ארויס דער טייך סאַוּק-דאַרא, וואָס ווערט דערנאָך פאַרוואַנדלט אין סווק-סיו). מיר זיינען געווען איבעראַשט פון איר גרייס. איבערן נאַסן אייז זיינען מיר אריין אין הייל. וואָס א טריט ווייטער, איז געוואָרן אלץ ענגער און ענגער. דאָס סאָגליכט איז אהער קימאַט ווי ניט אריינגעדרונגען. גיגאַנטישע אייז-שטיקער פון סאַמע אויסטערלישע פאָרמען זיינען אראָפּגעהאַנגען, ווי אין א וווּנדער-הייל. יעדע רגע איז אַן אייז-שטיק אראָפּגעפאַלן מיט א גערויש אראָפּ-צו. פון שרעק האָבן מיר גערעדט שטילערהייט, אומרויק ארומקוקנדיק זיך דערביי אף אויבן. דער טונעל איז געוואָרן אלץ נידעריק און נידעריקער. ס'איז אויסגעקומען צו גיין איינגעבויגענערהייט. אין איין אָרט, פאַרגייענדיק הינטער א ראָג, זיינען מיר געבליבן אין שטאָקפינצטערניש, ס'איז אונדז געוואָרן עפּעס קאַלאַמוטנע.

טאָמער טרעפט זיך דאָ עפּעס מיט אונדז, איז א סאָפעק צי מע וועט אונדז געפינען.

ניט צונויפגערעדטערהייט, האָבן מיר זיך ביידע א קער געטאָן צוריק און באַלד זיינען מיר ווייטער געווען אף דער פרייער לופט.

— א רעכטער גענעם איז אין אָט דער הייל! — האָט באַמערקט אייק.

— יאָ, מיך וועסטו אהערצו מער ניט פאַרשלעפּן! — איז מגסקים געווען סטאַך.

גייענדיק איבערן גלעטשער, האָבן מיר זיך אין א מינוט פופצן ארום אומגעקערט אין לאגער.

אינדערפרי האָבן מיר זיך אָנגעהויבן קלייבן אין וועג. מיט זיך האָט מען באדארפט נעמען נאָר דאָס סאמע נייטיקסטע, ווייל פונדאנען האָבן מיר אַלץ געדארפט שלעפּן אַף די אייגענע פּלייצעס.

אונדזערע טאָפּאָגראפן זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט טעאָדאָליטן, גיפּסאָטערמאָמעטערס, אלטימעטערס* און מיט אנדערע „ערס". קלאָר, אז קיין שום אנדערע מאסעס. כוץ ווייערע שלאָף-זעק, האָבן זיי שוין מער ניט געקאָנט שלעפּן. דעריבער איז אונדז און די טרעגער אויסגעקומען שטארק זיך אָנצולאָדן. די טרעגער האָבן גענומען בינטלעך טרוקענע האָלץ, בידאָנען מיט ספּירט, נאפט, א זאק מיט סוכארעס, און האָבן אויך געדארפט נעמען א זעקל רייז. נאָר ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, האָבן זיי אים בעקיוון פארגעסן. מיר האָבן געשלעפּט אַף זיך די גאנצע אויסשטאטונג, די ביידלעך און די שלאָפזעק.

די לייכטערע פּראָדוקטן האָט מען צעטיילט אַף גלייכע כאלאָקים. יעדערער האָט באקומען א פּאָרציע צוקער אַף פינף טעג, שאָקאָלאד, פארשיידענע גרויפּן, טרוקענע קאָמפּאָט, מילכיקע סוכארעס, כאזער-פעטס און פארשיידענע קאָנסערוון. קאָנסערוון זיינען געווען אונדזער וויכטיקסטע שפּייז. דעריבער האָבן מיר כ׳ץ דער באשטימטער נאָרמע, וואָס האָט אַזוי אויך געווויגן בא 16 קילאָגראם, אָנגעשטאָפּט אין די קעשענעס נאָך צו עטלעכע פּושקעס.

— ווּהין שלעפּט איר דאָס אַלץ מיט זיך, כעוורע? אלציינס וועט איר ביזן אויבן ניט דערגיין, — האָט זיך צעלאכט ניקאָליי וואסיליעוויטש.

— זיי אַליין וועלן עפּשער טאקע דערגיין, נאָר די קאָנסערוון וועלן זיי אפן וועג אוועקוואַרפן, — האָט מיט א מוסער-טאָן באמערקט באַרכאַש.

נישקאָשע, ס׳איז אפילע שווער, נאָר מע וועט כאָטש קענען דאָרט אויבן ווי געהעריק אריינאכלען, — האָט געענטפערט אריק.

צען אזייגער זיינען מיר ארויסגעגאנגען. אומאָנגענעם רוישט אונטער די פיס דאָס אייז. פּאמעלעך האָבן מיר זיך באוועגט פאָרויס, אומקוקנדיק זיך יעדע רעגע אַף די טרעגער, וואָס שטייען קעסיידער אָפּ.

* פארשיידענע טאָפּאָגראפישע און אויסמעסטונג-אינסטרומענטן.

די ארבעט פון דער געאָדעזישער גרופּע אף דער הייך פון העכער 5 טויזנט
מעטער. דער ח׳ גראסימאָוו בא דער ארבעט.

אונדזער גרופּע באַשטייט פֿון עלף מענטשן: די פֿינף אַלפּיניסטן, דער כ׳ געראַסימאָוו מיט צוויי רויטאַרמייער, און דריי טרעגער. אָט דאָס איז געווען דער באַשטאַנד פֿון דער גרופּע, וואָס האָט ריזיקירט זיך לאָזן אין דער דאָזיקער וויסטע פֿון אייז און שניי. ווי מיר זיינען נאָר אַרויסגעגאַנגען, זיינען מיר גלייך אַרויף אויפֿן גלעטשער, איבער וועלכן מיר האָבן געמאַכט שפּאַצירן. געראַסימאָוו מיט זיינע כאַווערים זיינען אַ דאַנק פּאָרויס, אונטערצונעמען מיט זייערע מאַכשירים די קאַרטע פֿון דער געגנט.

דער דאָזיקער גלעטשער איז ניט ענלעך געווען אויפֿן „ערשטן קווער־גלעטשער". אין זיין גרעסטן טייל איז ער געווען אַבסאָלוט ריין, שניי־ווייס און פֿאַרהעלטנישמעסיק גלייך. דעריבער איז געווען לייכט צו באַוועגן זיך איבער אים. בײַ אַ שעה האָבן מיר זיך געהויבן אינדערהייך און באַלד האָבן מיר דערגרייכט דעם אַריבערגאַנג־פּונקט פֿון גלעטשער. פֿונדאַנען האָט זיך דורך די ווייסיקע באַרג־שפּאַלטן געעפֿנט אַ וווּנדערבאַר בילד אויפֿן טראַנסאַלײַער באַרג־רוקן. קאָלאָסאַלע שניי־אייזיקע מאַסיוון זיינען, בלאַנקענדיק מיט זייער ווייסקייט, אַראָפּגעהאַנגען פֿון די אָנגעכמורעטע שטיינערנע ריזן. ווו ניט ווו זעט מען שפּורן פֿון שנייקע אָפּוואַלגערס־לאַווינעס. גרויסע אייז־שטיקער פֿון סאַמע וווּנדערלעכע פֿאָרמען וואַלגערן זיך אין כאַאָטישער אומאָרדענונג, און בלויז די קליינינקע הייפֿלעך ווייכע שניי דערמאָנען וועגן דעם, אַז דאָס איז אַמאָל געווען אַ גאַנצער, אַ דורכזיכטיקער גלעטשער.

פֿאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך געהויבן די שנייקע מאַסיוון פֿון די טראַנסאַלײַער באַרג־אָפּצווייגן. נאָר דער וועג צו זיי איז געגאַנגען דורך אַ ריזיקן גלעטשער, אַ קילאָמעטער 40 די לענג, וואָס האָט זיך געצויגן ־רעוועס ערגעץ אויף לינקס (לויט דער באַשרייבונג פֿון די דייטשן — צום „לענין־שפּיץ"). מיר האָבן אים אָנגערופֿן „סווק־סײַער הויפּט־גלעטשער". דער וועג צו אים איז געגאַנגען איבער אַ קליין פֿעלדל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ טיפֿן ווייכן זאַמד, וואָס אומבאַוווּסט פֿונוואַנען ער האָט זיך אַהערצו גענומען. אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום האָבן מיר זיך שוין אַראָפּגעלאָזן צום פֿעלדל. פֿון דער זייט גלעטשער איז אויך געווען אַ טונעל, וווּהין עס איז אַריינגעפֿלאָסן שוין ניט קיין פֿולוואַסערדיקער סווק־סײַ, נאָר פּאַשעט אַ קליין ריטשקעלע. אַרום איינס אַזייגער זיינען מיר אַרויף אויפֿן הויפּט־גלעטשער, איבער וועלכן מיר

זײַנען געגאַנגען װײַטער אונדזער װעג. א גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך געשקט אײנעם בערגלדיקן טײל גלעטשער. קױם באַװױזן זיך אַרופּצו־קלײַבן אױף אײן בערגל — און װידער אַראָפּ. א ביסל זיך אָפּגערוט, און מיר שטורעמען װײַטער די אײַז־סעסטענגען. דאָס אײַז איז דאָ באַדעקט מיט שטײַנדעלעך אױך, אז צו גײן איז ניט געװען גליטשיק. נאָר אמאָל װען די שטײַנדעלעך האָבן זיך אָפּגעשאָסן און עמעצער דערלאַנגט זיך א זעץ, װי מע זאָגט „אױף אײראָפּע", און פֿאָרט אַראָפּ אַרונטער. אױב ער האָט געדאַרפט אַראָפּפֿאָרן, איז ער געװען צופֿרידן, נאָר אױב ער האָט געדאַרפט זיך אױפֿהײבן, איז אים אױסגעקומען, קרעכצנדיק, איבער־אַניס דורכמאַכן דעם נאָרװאָס „דורכגעפֿאָרענעם" װעג.

אַזױגער אכט זײַנען מיר אין פֿולער פֿינצטערניש אַראָפּ פֿון גלעטשער און צעלײגט אױף די נאַסע שטײנער אונדזער לאַגער. באַלד זײַנען געקומען די מאָפּאָגראַפֿן פֿארמאַטערטע פֿון דער אַרבעט.

ס'איז געװען אױף א הײך פֿון 4200 מעטער. דײַטס עס, פֿאַר צען שאָ גאַנג האָבן מיר דורכגעמאַכט 4000 מעטער אינדערהײך, און אין דער לענג, װי מיר האָבן דאָס שפּעטער אױסגערעכנט, אין גאַנצן 11 קילאָמעטער.

אױפֿן אַנדערן טאָג זײַנען די טרעגער מיט אײן רױטאַרמײער סאָו־כאָומדינאַװון אװעק אַרונטער נאָכן פֿאַרבליבענעם רײַז און האָלץ. זײַנען אַרױס זעקס אַזױגער און האָבן אױסגערעכנט נאָך הײנט זיך אומצוקערן. די איבעריקע האָבן באַשלאָסן גײן װײַטער. דער טאָג איז געװען אכאָך א לײכטערער װי דער נעכטיקער. מיר זײַנען קימאַט די גאַנצע צײַט געגאַנגען איבער א גרײכער מאָרענע, װאָס האָט זיך ביס־לעכװײַז געצױגן אַרױף־צו (מאָרענע — טײַסט דער באָדן, װאָס דער גלעטשער האָט אים אַרױסגעשטױסן). פּאַראַלעל צו דער דאָזיקער מאָרענע האָט זיך געהױבן א גרױסער אײַז־פּאַל (א טײל פֿון גלעטשער, װו ס'איז ניטאָ קײן אײן גלײַך אָרט): דאָ עפּעס אַן אײַז־טורעם, דאָ א בריק, דאָ א טױער, דאָ אַנדערע פֿיגורן פֿון סאַמע פֿאַרשײדנאַרטיקע פֿאָרמען. פֿון דער אַנדערער זײַט מאָרענע האָבן זיך געצױגן הױכע שטײלע פֿעלדזן. ס'האָט געטראָפֿן, אז אונדז האָט דעם װעג פֿאַרצױמט אַן אָזערע אָדער די זײַטיקע גלעטשערס. ס'איז אױסגעקומען צו גײן איבערן אײַז־פּאַל און אמאָל אױך איבער די פֿעלדזן. װאָס דאָס האָט האָט אָפּגענומען װײַער פֿיל צײַט.

אײנמאָל זײַנען מיר צוגעגאַנגען צו א הױבער אײַז־װאַנט — מע האָט

געדאַרפט זי אַרונגיין. וויאַזוי אָבער? דער אייז-פאַל איז דאָ געווען אַבסאָליוט ניט צוטריטלעך. און די פעלדזן — אויך ניט בעסער. האָבן מיר באַשלאָסן דורכצוהאַקן אַ שטעגל. מער ווי צוויי שעה האָבן מיר לויט דער ריי, צונויפגעבונדענע מיט אַ שטריק, געהאַקט אויף אַן אַבסאָ־לוט שטילן אָרט טרעפּ אַרויף, וואָס זאָל זיין ענלעך אויף טרעפּ. די אַרבעט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. דאָס אייז און די שטיינער זיינען זיך צעפלויגן פון אונטער די אייז-האַקערס, טרעפנדיק אין אונדז אַליין. יעדער האַלבן מעטער האָבן מיר גענומען מיט קאַמף. ענדלעך איז עס געווען פאַרטיק. וואָס מאַכט מען אָבער דאָ? מיט גרויסע רוקזעק קאָן מען סיי ווי ניט דורכגיין. איז אָט — פון אָנהייב איז דורכ־געגאַנגען איין פּאַרטיע, דערנאָך האָט מען אויף אַ שטריק, מיט אויסער־געוויינלעכער פאָרזיכטיקייט, אַריבערגעשלעפּט לויט דער ריי יעדער זאַק. און ערשט דערנאָך האָבן זיך שוין אַריבערגעקליבן אויך די איבעריקע. אויף אַריבערצוגיין די דאָזיקע צען טריט, האָבן מיר געפּאַטערט בײַ דריי שעה. אומגעריכט האָט זיך דער הימל פאַרצויגן מיט כמאַרעס און אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ נעפּל. ס'האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ גע־דיכטער שניי. אומאָנגענעמע און קאַלטע שניי-שטיקער זיינען געפאַלן אויפן פּנים, אויף די הענט, זיינען געקראָכן הינטערן קאָלנער און האָבן געבלענדט די אויגן, פאַרשווערנדיק דאָס באַוועגן זיך. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פינצטערניש. ס'איז אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אויף נאַכטלעגער. נאָר ערגער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס עס איז ניט געווען קיין איין שטיקל טרוקן אָרט פאַרן ביידל און מיר האָבן עס אויפגעשטעלט אויף שפּיציקע, נאַסע שטיינער. עס איז שוין געווען 4800 מעטער איבערן יאַם-ניוואָ.

די כאָפּאָגראַפן זיינען נאָך ניט געווען. זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, פאַרהאַלטן מיט דער אַרבעט. מיר האָבן באַשלאָסן צו קאָכן אָוונטברויט. דאָס האָלץ, וואָס מע האָט געבראַכט, איז געווען אינגאַנצן פייכט און דער ווערטער איז אויך געווען ניט קיין פּאַסיקער. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר אויפגעבלאָזן אַ פייער. מיר האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם, קעדיי דער ווינט זאָל עס ניט פאַרלעשן, — בלויז בײַ דעם דאָזיקן לעבעדיקן באַריער האָט מען געקאָנט אויסרעכענען אויף דערפאָלג. דאָס וואַסער האָט אויפגעקאָכט ערשט אין אַ שעה אַרום. באַרכאַש, וואָס איז געווען דעזשורנער, האָט געוואָלט פאַרקאָכן מיט מאַנע-גרויפּן. פּלוצ־

ליגן האָט עמעצער, וואָס האָט לעבן שייסער-הויפן געוואָרעמט די צעפראָרענע פיס, צופעליק פארטשעפעט דאָס קעסעלע און האָט איבערגעקערט דאָס ווערטפולע ביסל אָקרעפ. אלע האָבן אין איין קאָל זיך גענומען זידלען, נאָר העלפן האָט מען ניט געקאָנט. מע האָט געמוזט אָנהייבן פון אָנהייב. ערשט אין צוויי שאָ ארום האָבן מיר געקאָנט עסן א וואַרעמען זופ, וואָס איז געווען באַזונדערס נייטיק פאַר די דערפרוירענע טאָפּאָגראַפן, וועלכע זיינען באַלד אָנגעקומען.

אפן אנדערן טאָג זיינען אריק, ניקיטין און סטאך אוועק באַגעגענען די טרעגער, קעדיי זיי צו העלפן. די ככ. קרילענקאָ און בארכאש זיינען ווידער אוועק פאָרויס אף אויסשפּירונג און די טאָפּאָגראַפן זיינען געבליבן פאַרענדיקן די נעכטיקע ארבעט. צו אָוונט-צו זיינען מיר זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, קעדיי איינדערפרי פאָרצוזעצן דאָס ארופשטייגן.

נאָר דאָ האָבן זיך איינגעשפארט די טרעגער: זיי האָבן בעשטימט ניט געוואָלט גיין ווייטער. דזשאמראט איז קראנק געוואָרן אף בארגקראנקייט (מע ברעכט, קאָפּ-ווייטיק און עס גייט בלוט פון נאָז און פון האַלדז) און די צוויי איבעריקע האָבן פּאָשעט מוירע געהאט. נאָר מיט דעם טנאַי, אז זיי וועלן פאַר א דאָפּלטן געצאָלט גיין נאָך א טאָג און דערנאָך וועלן זיי זיך ווידער אראָפּלאָזן, זיינען זיי מסכים געווען צו שלעפּן די זאַכן. דורכגייענדיק א גאנצן טאָג איבערן גלייכן און דורכויסיקן גלעטשער ביז 5200 מעטער, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אף נאַכטלעגער פארן גענעראַלן בארג-ארופשטייג.

א קילאָמעטער צוויי פארן אָפּשטעל האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט געשרייען פון די, וואָס זיינען געגאנגען פאָרויס:

— כא-ווי ריב! א געפינס אין וועלט-מאסשטאַב! הורא, הורא! אָט דאָס איז א געפינס, גאָר ניט דערוואַרט!

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז כעוורע האָבן געפונען צוויי פושקעס קאָנסערוון. קיין אויפשריפטן זיינען אף זיי, פארשטייט זיך, ניט געווען נאָר אף איינער פון די פושקעס איז געווען א מארקע פון עפּעס א דייטשישן זאַוואָד. דאָס דאָזיקע געפינס האָט אונדז זייער דערפרייט. ווי אָנגענעם עס איז געזען אָט דאָ, ווייט פון אלעם לעבעדיקן, געפינען שפּורן פון מענטשן, וואָס זיינען דאָ געווען מיט א יאָר צוריק. יעדערער האָט דאַפקע געוואָלט נעמען אין די הענט די פושקעס, וואָס האָבן באַוויזן די ריכטיקייט פון אונדזער וועג.

**דאָס בײדל איז די נאַכט אױסגעקומען צו שטעלן אַפּן שנײ. געשלאָפן זײַנען מיר בײַ אַ פראָסט פֿון 15 גראַד.**

## קאַפּיטל זיבעצן

# אַלץ העכער און העכער

װען מיר האָבן זיך אױפֿגעכאַפּט, האָט זיך נאָך די זון ניט באַװיזן. מיר האָבן זיך דערװאַרעמט מיט אױבגעדולד, װײַל עס איז געװען קאַלט, בײַ 6-8 גראַד פראָסט. דער װעטער איז געװען אַ װוּנדערבאַרער. אַרום אַפּן הימל, װי װײַט עס האָט נאָר פאַרנומען דאָס אױג, איז ניט געװען קײן אײן װאָלקנדל. אײנגיכן האָט די אױפֿגײענדיקע זון באַלױכטן די שפּיצן פֿון די שנײ-מאַסיװן, װאָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט. אױף די רעשטלעך האָלץ, װאָס מיר האָבן געבראַכט פֿון אונטן, האָבן מיר זיך אָפּגעקאָכט מאַקאַראָנעס און טײ. לױט דעם, װי מיר האָבן אָפּגערעדט מיט די טרעגער, האָבן צװײ פֿון זײ גלײַך געקענט גײן אַראָפּצו, נאָר אַבדול-גאַלי האָט געדאַרפֿט בלײַבן דאָ און װאַרטן אױף אונדז, קעדײ צו העלפֿן בײַם אַראָפּלאָזן זיך. װען ס'איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען מיט זײַנע כאַװײרים, האָט ער זיך געװאָרפֿן אין שנײ אַרײַן און האָט זיך ביטער צעװײנט. אַלע זײַנען געװען דערשטױנט.

— װאָס װײנסטו, אַבדול? — האָט מיטפֿילנדיק געפֿרעגט ניקאָלײַ װאַסיליעװיטש.

— סװק-יאַמאַן, סװק-יאַמאַן * — האָט קעסײדער איבערגעכאַזערט אַבדול און האָט זיך ענדלעך מודה געװען, אַז ער האָט מורע דאָ צו בלײַבן.

— מאַך זיך ניט נאַריש, אַבדול, — האָבן מיר אים אײַנגערעדט, — דו װעסט דאָ מיט די רוסאַרמײער אױסװאַרטן אױף אונדז. מיר װעלן דיר איבערלאָזן אַ פּעלץ און אַנדערע װאַרעמע זאַכן.

אַזױ האָבן מיר כימ גרױס מי אײַנגערעדט אַבדול-גאַלי און ער האָט זיך געזעגנט מיט די אַװעקגײענדיקע קירגיזן. אַכט אַזײגער, נאָך פֿרישטיק, האָבן מיר זיך געלאָזט אין װעג. צוליב פּאַסאַזשיראַפּירן די געגנט האָט כימ אונדז באַשלאָסן צו גײן דער כאַװער גערמאַסימאָװ, און די רױטאַרמײער האָבן אונדז געדאַרפֿט העלפֿן דערטראָגן די זאַכן ביזן ערשטן נאַכטלעגער און נאָך דעם זיך אַראָפּלאָזן צו אַבדול-גאַלי.

* די קעלט, דער טױט.

איצט זיינען מיר געקומען וואַלבעאַכס.

היינט האָבן מיר געדאַרפט אַריינגיין אינעם פּאַס פּונעם „פירן", — דאָס הייסט, קאָלאָסאַלע שניי-פעלדער. מיר האָבן געוווסט, אַז צווישן די נאַקעטע גלעטשערס און דעם פירן קאָן זיין צווישן-פּאַס-שפּאַלטן, וואָס זיינען פאַרדעקט מיט שניי. דער וועג אין אַזאַ אָרט איז זייער געפערלעך, ווייל עס איז זייער לייכט אַריינפאַלן אין די אומבאַמערקבאַרע שפּאַלטן און, דורכפליענדיק א מעטער צען, אַוועקפאָרן אויף יענער וועלט. דאָס איינציקע מיטל, וואָס מאַכט דעם וועג געפאַרלאָז, איז דער אַלפּיניסטישער שטריק און אויסערגעוויינלעכע פאָרזיכטיקייט. קעדיי אַראָפּצוגיין פון דער מאָרענקע, וואָס אויף איר האָט זיך געפינען אינדזער לאַגער, און אַרויפגיין אויפן הויפּט-גלעטשער, האָט מען באַדאַרפט דורכגיין א קליינעם אייז-פלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אויף א קליינעם בערגל. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן פון אים אַראָפּצוגיין און דורכגיין א צען טריט, ווי דער כאַווער נאַגוטשאַנאָוו איז פלוצלינג אַריינגעפאַלן ביזן גאַרטל אין א שפּאַלט. סטאַך, וואָס האָט זיך געפונען נענטער ווי אַלע פון נאַגומאַנאָוון, האָט זיך געוואָרפן אים צוהילף. נאָר באַרכאַשס געשריי: — „ריר זיך ניט פון אָרט! וועסט אַליין אַריינפאַלן!", — האָט אים אָפּגעשטעלט.

מיט דער הילף פונעם שטריק, וואָס מע האָט אים צוגעוואָרפן, און זיין אייז-האַקער איז דער כ' נאַגומאַנאָוו אַרויסגעקראָכן. נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָבן מיר זיך גענומען צונויפבינדן זיך. מיר זיינען געווען צו פיר מענטשן אויף איין שטריק. דער פירער פון אונדזער שטריק איז געווען באַרכאַש. מיט גרויס פאָרזיכט, קעדיי ניט אַריינצופאַלן, זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אים און איינגיכן זיך צוגעבונדן. דערביי איז דער שלייף פון שטריק אויסגעקומען העכער פאַרן גאַרטל. אַנדערש וואָלט דער, וואָס פאַלט אַריין אין שפּאַלט, זיך געקאָנט איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן דער סאַמע שווערער טייל וועג. דאָס פאַרמאַטערנדיקע אַרופשטייגן מיט א שווערער מאַסע אויף דער פּלייצע איז נאָך שווערער געוואָרן, כאַטשמע דער שרעקלעכער אָנשטרענגונג. מע האָט געדאַרפט נאָכשפּירן נאָך דעם, וואָס גייט פאָרויס, נאָך זיין יעדן טריט און נאָך דעם, אַז דער שטריק זאָל זיך ניט באָמבלען, נאָר זאָל זיין קעסיידער אָנגעצויגן. ניט געקוקט אויף דער גאַנצער פאָרזיכטיקייט, איז יעדערן פון אונדז אויסגעקומען צו האָבן דעם „פאַרגעניגן" פון אומגעריכטע דורכפאַלן אין שפּאַלטן. יעדע צען מינוט

האָבן מיר זיך אלע אראָפּגעלאָזן אפן שניי אף א דראַמאַטישן אָרט. די העלע זון האָט אָפּגעבראַנט אונדזערע פּנימער, וואָס זיינען געווען שטאַרק באַשעדיקט מיט פּעכס, די פּיס אָבער, וואָס זיינען ביזן גאַרטל געווען אין שניי, זיינען געפרוירן. אַרום צוויי אַזייגער האָבן מיר באַשלאָסן אָפּשטעלן זיך אף מיטאָג. מילכיקע סו-כאַרעס, פיש-קאָנסערוון — אָט דאָס איז געווען די גאַנצע סודע. פאַרטרינקען איז ניט געווען מיט וואָס. ערשט דאָ האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן אָפּגעטאָן א גרוי-סע נאַרישקייט, וואָס מיר האָבן מיט זיך ניט גענומען קיין וואַסער, ווייל דאָ איז קיין וואַסער אינגאַנצן ניט געווען. אַרום האָט זיך געשפּרייט א דורכויסיק שניי-פעלד, אַרום-גערינגלט מיט שטומע אייזיק-שטיינערנע בערג, וואָס ציען אַוועק אינדערהייך.

די גאַזע אף דער הייך 5600 מ. (די הייך פון עלברוס), ווו די עקספּעדיציע האָט בּיידע מאָל געטראָפן א שניי-שטורעם.

מיר האָבן זיך געאיילט ווייַ-טער. דער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט וואָלקנס. אַרום האַלב פינף אַזייגער האָט אָנ-געהויבן פאַלן א שניי. מיר האָבן באַשלאָסן אָפּשטעלן זיך אף נאַכטלע-גער. דער אַלטימעטער האָט באַוויזן 5600 מעטער. די רויטאַרמייער האָבן גלייך באַשלאָסן זיך אַראָפּצולאָזן. דער כ׳ געראַסימאָוו האָט, אומגעריכט פאַר אונדז אַלעמען, אויך באַשלאָסן זיך אומצוקערן מיט זיי, ווייל ער האָט זיך געפילט ניט גוט. לאַנג האָבן מיר געקוקט אף די כאַווייריס, וואָס האָבן זיך קוים געזען אינעם גרויען נעפּל, ביז זיי זיינען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אונדזערע אויגן. קוים האָבן מיר באַוויזן אויפקשטעלן דאָס בּיידל, ווי עס האָט זיך צעגעהויבן א שניי-שטורעם. ניט גרויס מי זיינען מיר אַריינגע-

קראָכן אין בײַדל. איצט האָט מען באַדאַרפט א טראכט טאָן וועגן עסן. מיר האָבן געהאט מיט זיך א ספירט-לעמפל, ספירט און א פּריבוס; קע-דיי אופצוקאָכן זופּ, האָבן מיר פריער געדאַרפט צעלאָזן שניי (ווײַל קיין וואסער איז ארום און ארום ניט געווען). דערנאָך אופקאָכן דאָס וואסער, פארקאָכן מיט מאנע-גרויפּן און ארײַנטאָן אהין צוויי פּושקעס שוין איינ-געגאַנצן פארפּראַוענע פלייש-קאָנסערוון. דער פראָסט אינדרויסן איז דער-גאנגען ביז 15 גראד אונטערן נול.

דער פּרימוס האָט, ניט געקוקט אף אלע אינדזער׳ע באמיונגען, בע-שומרפן ניט-געוואָלט ברענען. פריער האָט זיך מיט אים געפּאָרעט אָנ-דערהאלבן שאָ ניקיטין, דערנאָך האָט געפּרוווט זײַן מאַזל אריק, נאָר עס איז גאָרנישט ארויסגעקומען. דעם פּרימוס איז געווען קאלט. האָבן מיר באשלאָסן זיך נעמען פארן ספּירט-לעמפּל. מיט אים איז געווען עטוואָס בעסער, נאָר ער איז גיך קאלט געוואָרן און האָט דעריבער שלעכט גע-ברענט. פונעם ספירט-דאַכף האָבן בא אונדז אלעמען אָנגעהויבן וויטאָן די קעפּ.

ערשט ארום צען אזייגער, נאָך פינף שאָ קאָכן, האָבן מיר געקאָנט האנאָען האָבן פון צוויי לעפל מער-וויניקער וואַרעמע זופּ, וואָס האָט, ניט געקוקט אף בארכאשס אלע באמיונגען, ניט אופגעקאָכט.

דער ווינט איז געוואָרן אלץ שטארקער. דער שטורעם האָט זיך ניט אײַנ-געשטילט און אָנגעוואַלגערט אלץ מער און מער שניי. די נאכט האָבן מיר פארבראכט אין גרויס אופּרעגונג, צוהערנדיק זיך צום שטורעם. דער שניי, וואָס דער שטורעם-ווינט האָט אָנגעיאָגט, וואָלט פארשווערט אונ-דזער ארופשטײַגן, וואָלט געמאכט אוממעגלעך דעם קאַמף מיט דער נאַ-טור.

דער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט ערשט אף מאָרגן ארום צוויי אזייגער. די גאנצע צײַט זײַנען מיר געזעסן, ניט ארויסקריכנדיק פון בײַדל. אזוי ווי איצט איז שוין שפּעט געווען צו גיין ווײַטער, האָבן מיר בא-שלאָסן ארויסגיין אַמן אנדערן טאָג גאנצפרי. זיצנדיק אין די פון אונטן דורכגענעצטע שלאָפזעק, האָבן מיר ניט פון הונגער. נאָר פון אומעט, גע-קײַט דעם הארטן דורכגעפראָרענעם טרוקענעם קאָמפּאָט. צוליב יעדער ווייכער יאגדע האָבן מיר געמאכט א טומל. די געשמאקע ביינדלעך פון אורויק האָבן מיר ארײַנגעלייגט אין קעשענע, קעדיי צו אופּעסן זיי אונטן, ווו מע וועט זיי קענען צעקלאפּן אף די שטיינער.

צום באַדויערן, האָט זיך צו אונדז-צו ווידער אויסגעהויבן א שטורעם. פאַרזומערטע און בייזע, קײַענדיק פאַרפרוירענע סוכארעס און די לעצטע פיש-קאָנסערוון, האָבן מיר באַשלאָסן אײַנשלאָפן. עס האָט זיך ניט גע-שלאָפן. יעדערער פון אונדז האָט לויט דער ווײַ אויסגעשריען עפּעס אומ-פאַרשטענדלעך, ווײַזט אויס, שמועסנדיק מיט זיך אליין. מיט די אייגע-נע געדאַנקען.

יאָ, וועגן וואָס צו טראַכטן איז געווען. וואָס וועט זײַן מאָרגן? צי וועלן מיר גיין ווײַטער, אָדער מיר וועלן מוזן אָפּזיצן א גאַנצן טאָג אין בײַדל און עפּשער מער ווי א טאָג, צי וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן נאָך צוויי טאָג דאָ, אויף דער הייך פונעם גרעסטן באַרג אין אייראָפּע — על-ברוס: הײַנט האָבן מיר דאָך שוין ניט געגעסן קיין געקעכץ און ניט גע-טרונקען. ערגער פון אלץ איז דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין וואַסער. עס איז פאַשטעס א פאַרדראָס — ארום א פעסטער שניי, וואָס בא געוויינלע-כע באַדינגונגען וואָלט מען אים אין א מינוט ארום געקאָנט פאַרוואַנד-לען אין וואַסער, און דאָ קאָנסטו גאָרניט טאָן. דאָס ספּירט-לעמפּל קאָן מען ניט אָנצינדן, דער ספּירט-דאַמף ווירקט נאָך ערגער, ווי הונגער און דאָרשט; עפענסטו דאָס בײַדל אויף דורכצולופטערן, ווערסטו, ערשטנס, אליין פאַרפראָרן און, צווייטנס, ברענט דער ספּירט ניט.

נאָר אונדזער איינציקער פאַרלאַנג איז געווען ניט דאָס עסן און דאָס וואַסער, נאָר אז מאָרגן זאָל זײַן א גוטער וועטער. און די נאַטור האָט פאַרנומען אונדזערע טרוימען. אינדערפרי איז דער וועטער געווען א וווּנדערבאַרער. אונטער דער העל-לויכטנדיקער זון האָבן זיך איבערגעגאָסן מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן „לענין-פּיק". „דזשער-זשינסקי-פּיק" און די דערבײַיקע שניי-מאַסיוון. א גרויסאַרטיק און לעבנס-לוסטיק בילד.

מיר האָבן גענומען מיט זיך דאָס גאַנצע ביסל בעטגעוואַנט, איין בײַדל, א ביסל סוכאַרעס, צוויי קעסטל קאָנסערוון אויף א מענטשן, א פּרימוס, שאָקאָלאַד, און אויף יעדן פאַל דאָס ספּירט-לעמפּל מיט ספּירט און האָבן זיך מונטערע געלאָזט אַרופּצו.

# קאַפּיטל אכצן

# אַן אומגעלונגענע אַטאַקע

מיר האָבן ניט באַוויזן דורכצוגיין קיין צוואַנציק טריט. זיי וויקטאָר ניקיטין האָט געזאָגט, אַז ער קען בעשום־אופן ווײַטער ניט גיין. פון נעבן אָן כּוח איז שרעקלעך ווי דער קאָפּ און עס הייבט זיך בא אים אָן די באַרג־קראַנקייט. ער וויל זיך דעריבער אומקערן צוריק, קעדיי ניט צו ווערן א שטערונג פאַר אונדז. ס'האָט זיך זייער ניט געוואָלט צו שיידן זיך מיט א כאַווער. עס האָט זיך געוואָלט ביז דער לעצטער מעגלעכקייט פאַרבלײַבן צוזאַמען. נאָר עס איז גאָרניט אַרויסגעקומען. וויקטאָר האָט זיך געמוזט אומקערן.

— איך ווינטש אײַך גליקלעך דערגרייכן דעם שפּיץ! — האָט געזאָגט וויקטאָר, דריקנדיק אונדז די הענט.

— אויב מיר וועלן זיך אין פיר טעג אַרום ניט אומקערן, איז לאָזט זיך זוכן אונדז. — האָט געענטפערט ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש.

וויקטאָר האָט זיך אומגעקערט צום איבערגעבליבענעם בײַדל און מיר זײַנען אַוועק ווײַטער: ואלבעפערט: כ׳, קרילענקאָ, באַרכאַש, און מיר צווייען. אָט דאָס איז געבליבן פון די עלף מענטשן, וואָס זײַנען אַרויס פון אונטן.

מיר האָבן זיך פּאַמעלעך באַוועגט פאָרויס. עס האָט אָנגעוואַלגערט אַזויפיל שניי, אַז ער איז טײלמאָל דערגאַנגען ביזן גאַרטל. עס איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך שווער צו גיין. אויסגעמאַטערטע, מיט א שווערן אָטעם האָבן מיר זיך יעדע פיר־פינף טריט געמוזט צוזעצן. און פלעגסטו זיך אַוועקזעצן, פלעגט דיך אַרומכאַפּן אזא מין אַפּאַטיע, אַז עס פלעגט זיך ניט וועלן מער אויפשטיין.* ס'איז עפּעס אָנגענעם געווען צו זיצן אין שניי און רויק אָטעמען. נאָר מע דאַרף גיין פאָרויס, און קרילענקאָס אויסרוף: „שטייט אויף, כעווערע!“, צווינגט זיך אויפהייבן. אין ווייכן טיפן שניי איז עס מוירעדיק שווער. דער אײַז־האַקער זינקט אײַן אינעם שניי, און ס'איז ניטאָ אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרן. גראָבסט פּאַנאַנדער מיט די הענט און מיט די פיס אַרום זיך דעם שניי און הייבסט זיך ענדלעך אויף. דערויף גייען אַוועק די גאַנצע קויכעס, וואָס

* די דאָזיקע אַפּאַטיע איז א סימפּטאָם פון דער באַרג־קראַנקייט, דאָס אונטערגעבן זיך איר פירט צום אומקום.

מע זאַמלט צונויף ביימן פֿײַער: דערנאָך האָט אַהרן ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש דערציילט, אַז בײַם גיין פֿאָרויס האָט ער זיך יעדע פֿאָר טריט פֿאַרגעשטעלט, אַז דאָס זײַנען מיליטערישע שטערונגען, וואָס ער, דער רויטער באָלשעוויק, מוז באַזײַטיקן. אַזוי האָט דער כ׳ קרילענקאָ זיך באַוועגט פֿאָרויס.

אין אײניקע ערטער איז באַמעש אוממעגלעך געווען צו גיין און עס איז אויסגעקומען צו קריכן אויף אַלע פֿיר. עס האָט זיך דערמאָנט די באַשרײַבונג פֿון די רײַסטן, וואָס האָבן אַפֿן וועג ניט געהאַט קיין אײן שטורעם. דאָס דאָזיקע אָרט זײַנען זיי אַדורך אין קלעטער־שיך — איבערן פֿעסטן, ווי אײַז, שניי.

אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַוועגט פֿאָרויס, פֿאַלנדיק און אָפּרוענדיק זיך יעדע מינוט. אַרום אײנס אַזייגער האָט זיך דער הימל ווידער באַדעקט מיט וואָלקנס. מיר האָבן שוין קימאַט דערגרייכט דעם זאָטל פֿון טראַנסאַלײַער באַרג־רוקן (5850 מעטער די הייך). אַרום איז ווידער געווען אַ געדיכטער נעפּל און ווידער שניי. ס׳איז געווען 20 גראַד פֿראָסט. די פֿיס אין די פֿאַרפֿרוירענע שיך האָט מען גאָר אויפֿגעהערט צו פֿילן.

סטאַך און ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש, וואָס זײַנען געקומען די ערשטע, האָבן אויסגעטאָן די שיך, זיך געזעצט אויף די פֿעלצן און, ניט געקוקט אויפֿן פֿאַלנדיקן שניי, האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאַנאַנדעררײַבן די פֿאַרגליווערטע פֿיס, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן אויסצונוצן דאָס לעצטע מיטל. פֿאַרוקט די פֿיס אײנער צום אַנדערן הינטערן אָרעם און מיטן וואַרעמען קערפּער זיך באַמיט זיי צו דערוואַרעמען — דאָך זײַנען אײניקע פֿינגער ניט אָפּגעגאַנגען. הייסט עס — אָפּגעפֿראָרן. אײַנגיכן איז אָנגעקומען אַריק און נאָך אים לעוו לחאָוויטש. אויף די אָנדערהאַלבן קילאָמעטער צווישן דעם זאָטל און אונדזער אָפּשטעל־פּונקט האָבן מיר געפּאַטערט פֿיר שעה.

איצט האָבן מיר גענומען פֿאַנאַנדערשטעלן דאָס בײַדל. געוויינלעך פֿלעגט מען עס פֿאַנאַנדערשטעלן אויף פֿערצן פֿלעקלעך. איצט האָט מען עס געמוזט פֿאַנאַנדערשטעלן אויף די פֿיר אײַז־האַקערס, וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט, ווײַל די פֿלעקלעך האָבן זיך ניט געהאַלטן און זײַנען אינגאַנצן אײַנגעזונקען געוואָרן אין טיפֿן שניי. אין בײַדל

האָט אויך אויך דערפילט, אַז בײַ אים זײַנען אָפּגעפרוירן צוויי פינגער. הייסט עס, סך בײַ באַרכאַשן, זײַנען בײַ אַלעמען די פיס קראַנק.

אונדזער בײַדל איז בײַ אַ נאָרמאַלער לאַגע אויסגערעכנט אויף צוויי, און איצט זײַנען מיר אין דעם געווען זאַלבעפערט. ס'איז געווען „אַ ביסל ענגלעך". נאָר קיין אויסוועג איז ניט געווען. סע האָט זיך געמוזט ווי ניט איז אײַנאָרדענען. אפֿן דורכגעצנדיקן דעק פֿון בײַדל האָבן מיר אויסגעשפּרייט די פּעלצן און אויף זיי אַוועקגעלייגט די שלאָפֿזעק. נאָר פֿיר שלאָפֿזעק זײַנען בעשומויפן ניט אַרײַנגעקראָכן, דעריבער זײַנען מיר צווייען אַרײַנגעקראָכן אין איין זאַק און דעם אַנדערן אונטערגעלייגט אונטער זיך. ווען מיר האָבן זיך ווי ניט איז אײַנגעאָרדנט, האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן עסן.

עס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פֿילן דער דורשט, און מיר האָבן באַשלאָסן, ניט געקוקט אויף אַלץ, צוגרייטן כאָטש אַ האַלב קווערטל וואַסער. שטיקנדיק זיך ווידער אין דעם דאַמף פֿון ספּירט, האָבן מיר צעלאָזן אין קווערטל דעם שניי. צוליב די אומספּאָרויכטיקע באַוועגונגען האָט זיך דער ספּירט איבערגעקערט אויפֿן דעק פֿון בײַדל און זיך אָנגעצונדן. אַלע האָבן זיך גלײַך געוואָרפֿן לעשן דעם פֿײַער. און ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש האָט געשריען:

— שאַ, קינדער, אָט וועלן מיר דאָ פֿאַרברענט ווערן, און עס וועט ניט זײַן ווער עס זאָל קריכן אויפֿן שפּיץ.

אין צוויי מיט אַ האַלבער שעה אַרום איז „די וועסטערע פֿאַרטיק געוואָרן", זי איז באַשטאַנען פֿון דרײַ טרונק קאַלטן שמוציקן וואַסער, עטלעכע סוכאַרעס און רויגן. צו אונדזער פֿאַרוווּנדערונג האָט זיך סטאַך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן טיילעק וואַסער, ווײַל, ווי ער האָט געזאָגט, האָט אים דערפֿון נאָך מער געמאַטערט דער דורשט. מיר האָבן דאָס וואַסער באַלד צעטיילט אויף דרײַ גלײַכע טאָלאָקים. נאָכדעם ווי מיר האָבן צוגעביסן, האָבן מיר באַשלאָסן צו וואַרטן ביז אינדערפֿרי, האָפֿנדיק, אַז דער שטורעם וועט גיך אויפֿהערן.

אַ שרעקלעכע אויפֿרעגונג האָט אונדז באַהערשט. איבער יעדער קלייניקייט האָבן מיר אָנגעהויבן פֿאַראַקשנט צו שפּאַרן זיך און איבער

שפעטער האָט געשטעלט אַ פראגע, האָט ער לאַנג־קיין שום ענט־פער ניט באַקומען. צו אַחוץ־צו, ווען דער שטורעם איז שטילער געוואָרן, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צום שלאָף. אין אײך־שלאָפזאַק איז אונדז געווען ווייער ענג. קעדיי איבערצוקערן זיך, האָט זיך איינער פון אונדז געמוזט אויסציען ווי אַ סטרונע, און דער צווייטער האָט זיך אין דער צײַט מיט גרויס מי איבערגע־קערט. דערבײַ האָט דער זאַק געהאַלטן אין איין פּלאַצן און מיר האָבן איינער דעם אַנדערן מעכאַבעד געווען מיט אַ שיין ביסל שטויסן. נאָך אַזוינע האַסטיקע באַוועגונגען האָבן מיר געשטעמט אָפּ־געהאַקס, אָט ווי מיר וואָלטן כאַפּן די לופט, וואָס האָט אונדז אויסגעבעלט. וואָס העכער עס הײבט זיך אויף דער מענטש איבערדער־הייך, אַלץ שווערער איז אים צו אָטעמען, ווײַל די לופט ווערט אַלץ שיטערער און שיטערער.

אָפּט האָט פון אונדזער „דרייען זיך" געליטן באַרקאַש, וואָס איז געלעגן לעבן אונדז. צום אָנהייב האָט ער געשוויגן, נאָר איינ־מאָל, ווען ער האָט געקראָגן מיטן עלנבויגן אין זײַט, אַזוי אַז דער קלאַפּ האָט זיך אַזש איבערגעגעבן ניקאָלײַ וואַסיליעוויטשן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס, כעוורעלײַט, האָט צו מיר אַ שײַכעס? אויב יע, קאָן איך אויך געבן קלעפּ.

נאָך דעם האָבן מיר זיך שוין באַמיט צו זײַן פאָרזיכטיקער.

אַרום אַכט אַזייגער האָט דער שטורעם אינגאַנצן אויפגעהערט און מיר זײַנען אַנשלאָפן געוואָרן מיט דער האָפענונג, אַז מאָרגן בײַ אַ גוטן וועטער וועלן מיר קאָנען ווײַטער אַרופשטײַגן.

אַרום צוויי אַזייגער באַנאַכט האָבן מיר זיך פּלוצלינג אויפגע־כאַפּט פון עפּעס אַ גערויש. דאָס איז ווײַטער געווען אַ שטורעם, דער פינסטער לויט דער ריי און דער סאַמע שטאַרקער. דער ווינט האָט געריסן דאָס ביידל אין אַלע זײַטן, אָנהאַלגערנדיק אַף אים בערג שניי. אַרום האָט אַלץ געסײַפּט און געברעוועט. מיר זײַנען, גע־ווען ווי עפּעס אין אַ געגעט. ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש און באַרקאַש האָבן זיך אויפגעכאַפּט שוין פון אַ האַלב שאָ און האָבן שטיל גע־שמועסט צווישן זיך:

— שלעכטע געשעפטן, לחאָוויטש, און די ייִנגלעך איז א שאָד, — האָט געזאָגט ניקאָלײַ וואסיליעוויטש.

— עס פארשיט דאָס בײַדל, עס האָט זיך שטארק אראָפּגעזעצט. פון מײַן זײַט הייבט אף דעם שוין אָן צו דריקן דער שניי. כ׳האָב מורא, עס וועט ניט אויסהאַלטן און וועט אומפאַלן.

— יאָ, ס׳קאָן פארשיטן, — איז מאסקים געווען בארכאש.

זיי האָבן, ווײַזט אויס, געמיינט, אז מיר שלאָפן נאָך. נאָר דאָ האָט עמעצער פון אונדז א פרעג געטאָן:

— באהאַלט ניט אויס און זאָגט וואָס פאר א געפאר עס דראָט. מיר זײַנען גרייט צו אַלעם.

— פון ווינט און פון דער מאסע שניי, וואָס פארשיט אונדז, קאָן דאָס בײַדל, וואָס האַלט זיך אזוי אויך קוים-קוים, אומפאַלן און צוקוועטשן אונדז, — האָט געזאָגט ניקאָלײַ וואסיליעוויטש.

— און ס׳קאָן זײַן, אז דאָס בײַדל וועט אזוי ארומשיטן מיט שניי, אז ביר וועלן ניט קאָנען ארויסקריכן פון דעם און מיר וועלן אזוי, לעבעדיקערהייט באגראָבענע, פארפרירן בײַ א 30-גראַדיקן פראָסט, — האָט צוגעגעבן לעוו לוואָוויטש.

— דעריבער, האָט געזאָגט ניקאָלײַ וואסיליעוויטש — פארבאָט איך וועלכע ניט איז באַוועגונגען אין בײַדל און איך בעט אַלעמען ליגן רויִק. ארויסגיין פון בײַדל ביז דער שטורעם וועט זיך ניט אײַנשטילן טאָר מען אויך ניט, ווײַל דאָס אַלץ קאָן עס נאָך אומוואַרפן.

זאָגן איז געווען לײַכט, נאָר ליגן זאַלבעצווייט אין אזא ענגשאַפט אין איין זאַק אָן באַוועגונגען איז געווען א מאַטערניש. אַלץ וואָס איז געווען אונטערגעלייגט אונטן און פון די זײַטן איז פײַכט געוואָרן און פאַרפראָרן. דער פראָסט איז דורכגעדרונגען צו אונדז פון אַלע זײַטן. דער דאַמף פון אונדזער אָטעם איז, אָפּקילנדיק זיך, געבליבן אף די ווענטלעך פונעם בײַדל און די קאַלטע טראָפּנס זײַנען געפאַלן פון אויבן אפן פּנים און הינטערן קאָלנער. דאָך האָבן מיר זיך באַמיט צו ליגן רויִק. פונעם וואָיען פון ווינט איז געוואָרן שרעקלעך. דאָ, אין דער מעלוכע פון אײַז, ווינט און שניי, אף דער הייך פון 6000 קילאָמעטער זײַנען מיר געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. וואָס עס זאָל מיט אונדז ניט טרעפן, צו דער צײַט קומען אונדז צוהילף האָט שוין קיינער ניט געקאָנט. מיט א שווער געמיט זײַנען מיר אַנדרעמלט געוואָרן. אזוי-

גער ווקס האָט דער שטורעם אָנגעהויבן שטילער צו ווערן, און זיבן אזייגער האָט ער אינגאנצן אויפגעהערט. מיר האָבן אָנגעהויבן לויט דער ריי ארויסצוקריכן פון בײַדל. דער ערשטער איז ארויסגעקראָכן סטאך, מיט גרויס מי צעגראָבנדיק דעם אָנגעהאלגערטן שניי. נאָך אים איז ארויס מריק.

צינדרויסן איז געווען אזוי, ווי קיין שטורעם וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען. גאָר גרויסע בערג שניי, וואָס האָבן פארשאָטן דאָס בײַדל, האָבן דערמאָנט אָן דער הײַנטיקער נאכט. ווען מיר זײַנען דורכגעגאנגען א פאָר טריט אין דער ריכטונג צום זאָטל, זײַנען מיר ארײַנגעפאלן ביזן גארטל אין שניי. מיר האָבן באשלאָסן אז ס'איז א צופעליקײַט און זײַנען אוועק עטוואָס לינקס. נאָר אומעטום איז געווען איין און דאָס זעלבע. פאר פינף מינוס זײַנען די פיס אינגאנצן פארפראָרן געוואָרן, ניט געקוקט אויף דער זון, וואָס האָט זיך נאָרוואָס באוויזן, האָט דאָך דער פראָסט דערגרייכט ביז 20 גראד. נאָך אונדז זײַנען פון בײַדל ארויסגעקראָכן ניקאָלײַ וואסיליעוויטש און לוואָוויטש. ס'ע האָט געטויגט באטראכטן, וואָס מיר האָבן צו טאָן. מיר האָבן באשלאָסן, אז ווײַטער גיין איז אומעגלעך. אויב מיר וועלן אפילע אריבערגיין דעם פאס טיפע שנייען, אָפפרירנדיק אינגאנצן די פיס, איז ניטאָ קיין שום זיכערקײַט, אז דער פארענדערלעכער וועטער וועט אונדז ווידער ניט באשענקען מיט א שטורעם. כדי דעם האָבן מיר שוין פיר טעג קימאט גאָרניט געטרונקען און צוויי טעג גאָרניט געגעסן, און ס'איז דעריבער אומבאוווּסט אויף ווי לאנג עס וועט אונדז קלעקן קויעך.

פונדעסטוועגן האָבן מיר דאָך באשלאָסן א קוק טאָן פונעם זאָטל אויף אונטן. מיר זײַנען דורכגעגאנגען צען טריט און זײַנען באצויבערט געוואָרן פון שיינעם בילד, וואָס האָט זיך געשפרייט פאר אונדזערע אויגן. אונטן האָט מען געזען דעם אלטײַער טאָל מיט די גלעטשערס, וואָס האָבן זיך צו אים אראָפּגעלאָזן און מיט די פליסנדיקע טײַכן; ווײַס-ווײַט האָט, ווי א שפּילעכל, אויסגעזען דער אלטײַער באַרג-רוקן.

דאָ האָבן מיר זיך דערמאָנט, וויאזוי מיר האָבן מיט א כוידעש צו-צום ערשטן מאָל דערזען טראנסאלײַ, ווי מיר זײַנען איצט געשטאַנען, דאן איז ער געווען העכער פון אונדז, און איצט איז אלץ, וואָס איז געווען פאר אונדז און הינטער אונדז, געווען פיל נידעריקער. דאן זײַנען מיר געשטאנען אפן גראָז, פארשמאכטע פון היץ, און לעבן אונדז

זיינען געשטאַנען אונדזערע פערד, איצט האָבן מיר זיך געפונען ביזן גאַרטל אין שניי, מיט אָפּגעפראָרענע פיס, און נאָענסטע לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען געווען אונדזערע כאַווירים, וואָס וואַרטן ערגעץ אונטן. דאַן האָבן מיר געהאַפּט צו נעמען דעם „לענין-פיק", איצט האָבן מיר די דאָזיקע האָפענונג, אַלנפאַלס אין געגעבענעם מאָמענט, געמוזט פאַרלאָזן.

רעכטס פון אונדז האָט זיך דער באַרג-רוקן א ביסל מעשופעדיק אויפגעהויבן. ליטקין האָט ער זיך שטייל א הייב געטאָן צום שפּיץ, ביז וועלכן עס איז געבליבן 1250 מעטער.

קאַפּיטל ניינצן

# מיר קערן זיך אום

אַלזאָ, גייען מיר אַראָפּצו. אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע באַוועגן מיר קוים די אָפּגעפראָרענע פיס. פון די אַלטע שפּורן איז קיין זייכער ניט געבליבן. דער שניי האָט זיי פאַרשאָטן. ס'איז אויסגעקומען דורכצוטרעטן נייע. אין דער דאָזיקער שרעקלעכער נאַכט האָט אָנגעטראָגן אזויפיל שניי, אַז אפילו די גרויסע אייז-שטיקער, וווּ מיר האָבן געהוט בייסן אַרופשטייגן, זיינען פּאַרדעקט געווען מיט א ווייסן לייַלעך. מיר גייען שווייַגנדיק.

די נאַטור האָט זיך הייַנט אירס דערשלאָגן — זי האָט געזיגט. אָבער מאָרגן וועט זי האָבן א מיעסן סאָף. גיט מיר, מאָרגן וועלן אַנדערע דורכרייַסן די קיימען פון אייַז און שניי און וועלן אַרופקריכן אפן „לענין-פּיק".— אזוי האָט געטראַכט יעדער איינער פון אונדז און יעדערער האָט אין דעם געגלויבט.

מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען מעגלעך, נאָר פיר טעג באַ א 20-גראַד פראָסט, אָן עסן און טרינקען, האָבן אָפּגעטאָן אונדזערס. און איצט, אפילו באַם אַראָפּגיין זיינען מיר געפאַלן פון מידקייט. דער וועטער איז געווען א וואונדערבאַרער. אפן הימל קיין איין וואָלקנדל און די העלע זון האָט ווי לאַכנדיק פון אונדז, באַלויכטן דעם שנייווייַסן „לענין-פיק". די פיס זייַנען ביסלעכווייַז אָפּגעגאַנגען, נאָר עס האָט

שרעקלעך געמאַטערט דער דורשט. אין האַלדז האָט בא אַלעמען אַזוי איבערגעטריקנט, אַז עס איז געווען שווער אַרויסצורײדן א וואָרט. מיר האָבן געפּרוּווט עסן דעם שניי, נאָר דערפון האָט זיך נאָך מער געוואָלט טרינקען. מער פון אַלעמען האָט פון דאָרשט געליטן אַריק, וואָס האָט געשפּיגן מיט שפּײַעכץ, געמישט מיט בלוט. אין א שאָ אַרום איז דער שניי געוואָרן א ביסל פעסטער און עס איז לײַכטער געוואָרן צו גיין. די פיס זײַנען ניט אַרײַנגעקראָכן איבער די קני אין שניי. פּלוצעם האָבן מיר אין שניי דערזען עפּעס א שוואַרצן פלעק, וואָס איז אַלץ געוואַקסן. ווי מיר האָבן אים ניט באַקוקט פון בינאָקל, האָבן מיר דאָך ניט געקאָנט פעסטשטעלן וואָס דאָס איז. ווען מיר זײַנען צוגעגאַנגען, האָבן מיר דערזען אַן אײַז-האַקער וואָס האָט געשטעקט אין שניי. צו אים איז געווען צוגעבונדן א בריוו, פאַרוויקלט אין א טיכל.

„כ' באַגריס מיט געמען דעם לענין-פּיק. וו. ניקיטין".

— א דרייסטע באַגריסונג, — האָט באַמערקט עמעצער פון אונדז מיר האָבן זיך צוגעזעצט אָפּרוען. עס איז געווען עלף אַזייגער.

די אוגדזעריקע האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אונדז אויף דער הייך פון 5000 מעטער און דאָ האָט דער אַלטימעטער באַוויזן 5600 מעטער. וואַ-סער האָבן מיר ניט געטראַכט אַפילו צו געפינען נעענטער פון אונדזער באַזע. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן זיך צוטײַלן, ווײַל אָן וואַסער איז געוואָרן אוממעגלעך. זײַנען מיר אַוועק. מיר האָבן זיך באַמיט צו גיין וואָס שנעלער. נאָר אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן שפּאַלטן און ס'איז אײַנגעקומען צו גיין פאָרזיכטיק, מיט א שטריק. דאָס האָט שטאַרק פאַרלאַנגזאַמט דאָס באַוועגן זיך.

נאָר אָט דערנענטערן זיך באַקאַנטע סילועטן פון פעלדזן און שטיי-נער, און דאָ הינטערן ראָג איז דאָס בײַדל, הייסט עס — וואַסער. מטאַך קלײַבט צונויף די לעצטע קײַכעס, וואַרפט אַוועק דעם שטריק און לאָזט זיך ווי א משוגענער לויפן פאָרויס, ניט געקוקט אויף כ' קרילענקאָס אויסגעשרייען. נאָך אים לויפט אַריק עטלעכע מאָל פאַרשטעפּן זיך, פאַלן אים, אײַנמאָל אַפילו פאַלט עמעצער אַרײַן ביזן גאַרטל אין א שפּאַלט. נאָר דאָס אַלץ איז גאָרניט: אויבן פאָרויס איז וואַסער, קען מען לויפן, לויפן ריזיקירנדיק אומצוקומען אונטערן אײַז. אין דעם מאָ-מענט טראַכטסטו נאָר וועגן דעם, מיט וואָס פאַר א פאַרגעניגן דו וועסט טרינקען נאָך דעם, ווי דו האָסט פיר טעג אין מויל ניט געהאַט קיין וואַסער.

וואַסער. נאָר וואָס איז דאָס? אָט איז דער פעלדז — און הינטער אים,
הינטער אים — אַ ווײַס פאַרשנייט פעלד אויף אַ קילאָמעטער דרײַ. קיין
שום בײַדל איז דאָ ניטאָ, עס איז דאָרט, בײַ יענע טונקעלע פעלדזן.
אין פאַרצווייפלונג, קוים אַן אָטעם פון גיכן לויפן לאָזן מיר זיך אַראָפּ
אויפן שניי. אין אַ מינוט צען אַרום גייט צו ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש. ער
האָט אונדז אויסגעזידלט ווי עס באַדאַרף צו זײַן און האָט אונדז מיט רעכט
אָנגערופן „ווײַבער“ וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ שווערע רײַזע און האָבן
נאָך אַלץ ניט באַקומען קיין אויסגעהאַלטנקייט. באַרכאַש איז שטאַרק
אָפּגעשטאַנען, און מיר האָבן באַשלאָסן פּאַמעלעך באַוועגן זיך פאָ-
רויס.

אין צוויי שעה אַרום, וואָס האָבן זיך געצויגן פאַר אונדז, ווי אַן
אייביקייט, זײַנען מיר ענדלעך צוגעקומען צום בײַדל. אַבדול-גאַלי און
די רויטאַרמייער זײַנען געווען מאַמעש גליקלעך. מיר האָבן זיך גלײַך
אַרויפגעוואָרפן אויפן וואַסער, נאָר ניט געקוקט אויף אַלע אונדזערע פּראָ-
טעסטן, האָט אונדז ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש פאַרבאָטן אין דער ערשטער
האַלב שעה אויסטרינקען מער ווי צו צען טרונק. דערפאַר האָבן מיר זיך
דערנאָך געקאָנט כעכײַע זײַן ווײַל עס האָט זיך אונדז נאָר געוואָלט. אַ
גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט די פלעשער. ווען
מיר זײַנען געקומען, איז געווען דרײַ אַזייגער. אַזוי אַז די 850
מעטער, וואָס מיר זײַנען אַרויפצו דורכגעגאַנגען אין דרײַ טעג,
האָבן מיר אויף אַראָפּ דורכגעמאַכט פאַר זיבן שעה. געראַסימאָוו און ניקיטין
זײַנען הײַנט פרי אַוועק אַראָפּצו. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין מאָרגן.
אינגיכן איז געקומען באַרכאַש און אַלע האָבן זיך געזעצט אַרײַנרײַבן
דעם זופּ פון די פלייש-קאָנסערוון וואָס אונדזערע כאַווײרים האָבן אויס-
געקאָכט אויפן שלימזלדיקן פּרימוס. אויפן אַנדערן טאָג האָבן מיר געוואָלט
גלײַך דערגיין ביז „צווייטן קוואַר-גלעטשער“ און דעריבער האָבן מיר
זיך גלײַך געלייגט שלאָפן, כדי מאָרגן פינף אַזייגער קאָנען אַרויסגיין.
הײַנט איז שלאָפן געווען ניט ענג, ווײַל געלעגן זײַנען מיר צו דרײַ
מענטשן אין גוט אָנגעצייגענע בײַדלעך. אינדערפרי האָבן מיר אָפּגע-
געסן ווידער אַ טרישטשיק פון זופּ און מינטערע, אויסגערוטע זיך גע-
לאָזט ווײַטער אַראָפּ. כ. קרילענקאָ האָט געוואָלט ווי געהעריק אָפּרוען
און דערנאָך נעמען מיט זיך די וואַליקעס, וואָס האָבן זיך אונטן געפונ-
נען, און איבערצוזעצן דאָס אַרײַנשטײַגן ווען עס וועט זיך אײַנשטעלן

א שטאַנדהאַפטיקער וועטער. צוליב דעם האָט ער שוין איצט, אַף דער הייך פֿון 5000 מעטער, איבערגעלאָזט אײן בײדל און דעם רעשט פּראָדוקטן.

איצט זײַנען מיר שוין געגאַנגען איבער אונדזערע אַלטע שפּורן.

„ניט שוין־ושע זײַנען נאָך פֿאַרבליבן שפּורן נאָך די אַלטע שטורעמס?" — האָט געפֿרעגט עמעצער פֿון אונדז בײַ די רויטאַרמייער. „וואָס פֿאַר א שטורעמס" — האָבן זיי פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט — דאָ איז די גאַנצע צײַט געווען א וווּנדערבאַרער וועטער און עס איז אַפֿילע ניט געווען פֿאָרויסצוזען קיין שטורעם."

דאָס האָט באַוויזן די פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿונעם פּאַמירער וועטער. נאָך דעם ווי מיר זײַנען אַראָפּ פֿון גלעטשער, האָבן מיר זיך צופֿעליק צעטיילט אַף עטלעכע גרופּעס. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין אָן אָפּרו, קעדיי נאָך הײַנט צוצוקומען צום „צווייטן קווער־גלעטשער".

שוין בײַ א פֿולער פֿינצטערניש, קימאַט ניט אָפּרוענדיק זיך, זײַנען מיר צוגעגאַנגען צום גלעטשער. דאָ האָבן מיר דערזען א קליין פֿײַערל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זײַנען כעוורע פֿון דער געאָלאָגישער גרופּע. זי האָט זיך איצט געפֿונען אין קוזגון־טאָקי, און זיי זײַנען געקומען אַהער אַף אויסשפּירונג.

נאָך אין א האַלבער שאָ אַרום האָבן מיר זיך אין באַגלייטונג פֿון די כעוורע, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, אַרײַנגעוואַלגערט אין בײדל. פֿון מידקייט האָבן מיר זיך ניט געקאָנט באַוועגן. יעדער מוסקל האָט אָן אויפֿהער געצויגן. אַפֿילע די רוקזעק האָבן פֿון אונדז אַראָפּגענומען אונדזערע כאַווײרים. יע: די פֿאַרגאַנגענע פֿיר טעג שווערן שטײַגן אַף די בערג און הײַנטיקער 40־קילאָמעטערדיקער גאַנג — פֿופֿצן שאָ אָן אָפּרו, האָבן זיך אָפּגערופֿן אַף אונדז. א גאַנצן טאָג האָט זיך אונדז שטאַרק געוואָלט עסן און איצט קריכט קיין וואַך אין מויל ניט. עס איז פּאַשעט מאָדנע. כאָטש מע האָט אונדז אָפּגעקאָכט „פּלאָוו" איז אונדזער אָרגאַניזם באַשטאַנען בלויז פֿון א טעפּל הייסע קאַקאַאָ און א פּאָר סוכאַרעס.

אַטן אַנדערן טאָג צו אָוונט־צו זײַנען מיר געווען אין קוזגון־טאָקי. הידער גראָז, ביימער, וואַרעמקייט און וואַסער. דאָס וואָס עס האָט אונדז אַזוי געפֿעלט אויבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלץ וואָס האָט פּאַסירט פֿאַר די צען טעג איז געווען עפּעס א כאָלעם. וואַרעמענדיק זיך דאָ אַף דער זון אין בלויזע טרוסן, איז זיך שווער

באַב. צווישן [illegible] א שטיין ביי דער אינסטיטוט
פֿון דער [illegible]

פֿאַרבונטשעלן. אַז דאָרט אַריבן, עטלעכע טעג נאָך אונדזער אָנקומען הערשט אַ שרעקלעכע קעלט און קלאָמפּעסטערס לאַנג ציִען זיך שניי־אַנגעוויקע פֿעלדער. אין קוזנעץ־סאָקער האָט שוין עטלעכע טעג געאַרבעט די גע־אָלאָגישע גרופּע, וואָס איז געקומען לויט אונדזערע שפּורן. זי האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום געקליבן גיין נאָך ווײַטער, קעדיי צו אַרבעטן אונטערן סראַנסאַליע. אָט טאַקע מיט עמעצן פֿון די געאָלאָגן און מיט איינעם פֿון די דריקאַרבייער, מיטן כ׳ נאַגומאַנאָוו, האָט ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש געטראַכט זיך צו לאָזן נאָכאַמאָל אינדערהיים. זײַן איינציקע האָפֿענונג איז געווען אויף דעם, אַז דער שניי וועט ווערן אַ ביסל האַרטער און דאָן יעדן זיי ניט דער הילף פֿון דריי פּאָר וואָליקעס קאָנען באַוועגן זיך, ניט דורכפֿאַלנדיק און ניט אָפּ־פֿרירנדיק די פֿיס.

מיר אָבער האָבן געדאַרפֿט אויף מאָרגן זיך לאָזן קיין מאָסקווע. דאָרטן האָבן אויף אונדז געוואַרט די לימודים און די אַרבעט. כּדי דעם ווײַנען מער קיין וואָליקעס ניט געווען. •

קאַפּיטל צוואַנציק

# קיין מאָסקווע

דעם 8־טן סענטיאַבער האָבן זיך באַרנאַש, ניקיטין, גערעסימאָוו, צוויי דריסאַרמייער, עטלעכע מיטער פֿון דער געאָלאָגישער גרופּע און מיר צווייען הערצלעך זיך געזעגנט מיט די פֿאַרבליבענע און זיך געלאָזט אין צוריקוועג. פֿאַר די צוויי וואָכן איז אין די בערג געוואָרן קעלטער און סוזוק־סײַ איז געוואָרן אַזוי פֿליסיק, אַז מיר האָבן פֿרײַ געקאָנט פֿאָרן איבער זײַן טאָל, ניט פֿאַרקערעוועדיק זיך אינדערהיים. אין אַ טייפֿאַל האָט מען געקאָנט אַריבערפֿאָרן פֿון איין זײַט אויף דער אַנ־דערער. נאָר איין מאָל האָבן דעם טייך פֿון בײדע זײַטן צוגעפּגעדריקט פֿעלדזן. אין דעם אָרט איז ער שמעלער געוואָרן (ניט מער ווי מיר מעסטער די ברייט) און האָט זיך געטראָגן מיט אַ געוואַלדיקער קראַפֿט. אונדז איז אויסגעקומען ווידעראַמאָל צו זוכן דעם וועג ערגעץ אינ־

דערהײך. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אויפֿצוהייבן איבער די אײַנגאַנצן אויסבאַהויסטן וועג. צווײ שאָ האָט בײַ אונדז געדויערט אַרויפֿצוקלעטערן מיט די פֿערד בײַ אַ מעטער פּוסציק. און ווען מיר זײַנען ענדלעך דערקראָכן צו אַ גראָזיק סאָלכל, האָבן מיר באַמערקט, אַז בײַ אַלע פֿערד זײַנען די פֿיס אָרומגעריסן און צעדראַפּעט פֿון די שטײַנער. אין דער צײַט פֿון אַרויפֿשטײַגן האָבן די אָנגעלאָדענע פֿערד, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די שווערקייט פֿון די פּעק, זיך געלייגט אויף דער ערד און זיך געסטאַרעט אַראָפּוואַרפֿן די לאַסט.

פֿאָרנדיק לעבן טײַך איבערן גראָז, האָבן מיר אָנגעטראָפֿן עפּעס אַ מאָדנע געבײַדע. אַ מין בײַדל מיט אַ פּאָר געקרייצטע שטעקענער אינדערהײך, צו וועלכע עס איז געווען צוגעבונדן אַ פּעל פֿאַקלע. ווי נאָר דער קירגיז, וואָס איז מיט אונדז געפֿאָרן, האָט עס באַמערקט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון פֿערד, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אָנגעהויבן צו דאַוונען, שאָקלענדיק זיך הין און צוריק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ הייליקער קייווער, אין וועלכן, ווי ער האָט אונדז שפּעטער פֿאַרזיכערט, עס איז באַגראָבן עפּעס אַ גאָס.

אין אַ שאָ אַרום האָבן מיר זיך ווײַטער אַראָפּגעלאָזט צום טײַך און ערשט דאָ האָבן מיר באַמערקט, אַז באַרבאַש איז מיט אונדז ניטאָ. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף אים און, אַזוי ווי עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, האָבן מיר באַשלאָסן דאָ איבערנעכטיקן. מיר האָבן פֿאַנאַנדערגעלייגט אַ גרויסן אָנגעצונדענעם שײַטערהויפֿן — האָלץ איז געווען גענוג. אײַנשלאָפֿן איז לעוו לוואָייטש אויך ניט געווען. מיר האָבן זיך לאַנג באַראַטן, וואָס מיר האָבן צו טאָן, און האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין טעראַנגאַ, ווײַל מיר האָבן געטראַכט, אַז לוואָוויטש האָט אינדז נאָך נעכטן אַריבערגעיאָגט און געפֿינט זיך איצט ערגעץ פֿאָרויס.

ווען מיר זײַנען דערפֿאָרן ביזן צופֿיסן פֿון קולדראַוואַן, האָבן מיר זיך צעטיילט אויף דרײַ גרופּעס: איינע — כ׳ געראַסימאָוו און די רויטאַרמייער — איז אַוועק מיטן באַרג־איבערגאַנג, די צווייטע — וויקטאָר און אַריק האָבן באַשלאָסן פּרוּוון מאַזל און פֿאָרן קעסיידער אַראָפּ טײַך, און דערנאָך איבערן סאָל פֿון מוזיק־סו סאַרקערעוען אויף גלײַך קיין אַלטין־מאַזאַר וויקטאָר מיט אַריקן זײַנען אינגיכן אָפּגעפֿאָרן.

מיט זיי האָבן שטארק געוואָלט מיטפאָרן סטאַך און איינער א טוער פון דער געאָלאָגישער גרופע מיכאַיל, דער גאַנצער צפּהאַלט איז גע־ווען בלויז דערין, וואָס בא מיכאַילן איז ניט געווען קיין פערד — ער איז געגאַנגען צופוס. כ׳ געראַסימאָוו, וואָס איז געווען דער אָנפירער, האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן צווייען אף איין פערד. עס איז געגאַנגען א הייסע דיסקוסיע. פלוצלינג האָט מיכאַיל, וואָס איז געזעסן אונטערן סאַ־מע סעלדז, געכאַפּט א זעץ אין פלייצע מיט א שטיין. וואָס איז אראָפּ־געפאַלן ערגעץ פונדער הייך. ער איז אויפגעשפּרונגען אף די פיס און האָט א געשריי געטאָן:

— היט זיך, אן אָפּוואַלגער.

אלע האָבן דערהערט דעם געוויין פון די פאַלנדיקע שטיינער און האָבן זיך געלאָזן לויפן משוגענערווייז אין אלע זייטן. נאָר דאָס איז געווען ניט קיין אָפּוואַלגער, נאָר א קאָלאָסאַלע סטאַדע ווילדע ציגן. אונטערשפּרינגענדיק אף די דינע פיס, ווי אף פּרוזשינעס, האָבן זיי זיך געטראָגן ערגעץ אין דער ווייט. אראָפּוואַרפנדיק אפן וועג שטיינער. מיר זיינען אזוי דערשטוינט געוואָרן פון דער גראַנדיעזקייט און שיינקייט פונעם בילד, אז מיר האָבן פארגעסן וועגן די ביקסן. ווען עמעצער האָט זיך שוין שפּעטער דערמאָנט א שאָס צו טאָן, איז ס׳שוין געווען שפּעט. די סטאַדע איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן. ענדלעך האָט געראַסימאָוו דאָך אָפּגעלאָזן סטאַכן מיט מיכאַילן און די גרופּעס האָבן זיך צעטיילט. קע־דיי צו דערפאָרן ביזן טאָל פון סווק־סו, האָט מען געמוזט עלף מאָל אריבערפאָרן סווק־סיי. עלף מאָל זיינען סטאַך מיט מיכאַילן זאַלבעצווייט אף איין פערד אריבערגעגאַנגען דעם טײַך, ריזיקירנדיק, דער שטראָם זאָל זיי אראָפּטראָגן. נאָר איצט זיינען זיי שוין געווען ניט קיין „גרינע־נאָר געניטע מענטשן, וואָס האָבן ניט מוירע געהאַט פאַר וואַסער. אין עטלעכע שאָ ארום זיינען זיי געקומען קיין אלטין מאַזאַר, ווו זיי האָבן געטראָפן וויקטאָרן מיט אריקן. נאָך אין צוויי שאָ ארום זיינען מיר שוין אינדערפרינצטער צוגעפאָרן צו דער איינציקער פאַרבליבענער יורטע אף טערס־אַגאַרא. די איבעריקע איינוווינער פונעם דאָזיקן זומערדיקן פאַשע־אָרט זיינען אראָפּ צוליב די קעלטן אין אלטין־מאַזאַר, קעדיי אי־בערצווינטערן דאָרט. אין דער דאָזיקער יורטע האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די אונדזעריקע. צווישן זיי איז געווען אויך באַרכאַש. ער האָט אונדז טאַקע אריבערגעיאָגט און איז שוין דאָ געזעסן פון טאַמע אינדערפרי.

און נאָך אין פֿיר טעג אַרום זײַנען מיר שוין געווען אין פֿערגאַנע. אין די קישלאַקן, וואָס זײַנען מיט אָנדערהאַלבן כאַדאָשים צוריק געווען פּוסט, האָבן איצט שוין געוווינט די קירגיזן מיט זייערע מישפּאָכעס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פֿון די בערג. אָפֿן וועג האָבן מיר צוויי מאָל באַגעגנט קאָלאָסאַל גרויסע קאַראַוואַנען צו העכער 500 קעמלען פֿערד און אייזלען אין יעדערן. די דאָזיקע באַלעבאַטים זײַנען געווען אָנגעלאָדן מיט פֿאַרשיידענערלײַ פּראָדוקטן פֿאַר די קירגיזן אויף ווינטער, ווײַל אויף דער צײַט יאָר ווערט די פֿאַרבינדונג צווישן אַלײַ-טאָל און דער אויסערלעכער וועלט אינגאַנצן איבערגעריסן. די דאָזיקע קאַראַוואַנען זײַנען געגאַנגען קימאַט אָן אַ שום שוץ, וואָס עס באַווײַזט, אַז די באַסמאַטשעס זײַנען אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. נאָך מיט אַ כוידעש צוריק זײַנען זיי אַוועק אין אויסלאַנד, געטריבן פֿון די רויטע טײַלן.

וועגן דעם, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן מיר זײַנען געגאַנגען אין באָד אַרײַן, אין פֿאַריקמאַכערײַ און האָבן אָנגעטאָן ריינע וועש, איז, דאַכט זיך, איבעריק צו דערציילן.

ווײַטער זײַנען מיר, צו אונדזער גרעסטן פֿאַרגעניגן, שוין מער ניט געפֿאָרן רײַטנדיק, נאָר מיט דער באַן, און אין פֿינף טעג אַרום, דעם 23-טן סענטיאַבער, נאָך אַ צווייכאַדאָשימדיקן אַרומוואָגלען, האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע.

# נאָכוואָרט

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט פיל פאַרשידענע עקספּעדיציעס. געלערנטע מיט אַלפּיניסטן אין דער שפּיץ, פאָרשן אויס די סאַמע פאַרוואָרפענע ערטער פון אונדזער פאַרבאַנד. געפינען פיל קאָסטבאַרע מעטאַלן און נאַפט.

אונדזער עקספּעדיציע האָט דורכגעמאַכט א קאָלאָסאַלע אַרבעט. זי האָט געפינען א ריי געפין-ערטער פון גאָלד אין טאָל פון טייך סווק-סײַ און זײַנע בײַטײַכן. די געאָלאָגן האָבן געפונען אויך אַנדערע קאָסטבאַרע מעטאַלן. מע האָט צונויפגעזאַמלט גרויסע געאָלאָגישע און זאָאָלאָגישע קאָלעקציעס. די אַלפּיניסטישע גרופּע, וואָס איז געגאַנגען אין דער שפּיץ פון די געאָלאָגן און טאָפּאָגראַפן, איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָל פון סווק-סײַ. מע האָט פעסטגעשטעלט, אז איבערן טאָל פון סווק-סײַ קאָנען זיך באַוועגן קאַראַוואַנען, וואָס ביז איצט האָט מען דאָס געהאַלטן פאַר אוממעגלעך. מע האָט צונויפגעשטעלט א גענויע קאַרטע פונעם גאַנצן דורכגעגאַנגענעם ראַיאָן און פון א טייל טראַנסאַלײַער באַרג-רוקן מיט זײַנע העכסטע שפּיצן.

דער כ' קרילענקאָ איז באַם צווייטן מאָל אַרופּשטײַגן דערגאַנגען ביז א הייך פון 6850 מעטער, נאָר זײַנע כאַווײַרים האָבן ניט אויסגעהאַלטן: איינער האָט זיך אומגעקערט פון דער הייך פון 6300 מעטער, דער צווייטער — פון דער הייך פון 6600 מעטער. דער כ' קרילענקאָ איז ווײַטער געגאַנגען אַליין. עס האָט זיך דערנעענטערט די נאַכט און ער האָט זיך געמוזט אומקערן, ניט דערגרייכנדיק ביזן שפּיץ אינגאַנצן 280 מעטער. צוריקוועג האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם זאַטל פון טראַנסאַלײַער באַרג-רוקן אין אַלײַער טאָל.

דער נײַער באַרג-אַריבערגאַנג איבער טראַנסאַלײַער באַרג-רוקן איז פאַרצייכנט אין דער קאַרטע.

אין 1930 יאָר, האָבן לויט די שפּורן פון אונדזער עקספּעדיציע, געאַרבעט לענינגראַדער געאָלאָגן.

[illegible] 90 коп.

переплет [illegible]

[illegible] 35 коп

СТАХ ГАНЕЦКИЙ

[illegible]РИК ПОЛЯКОВ

# М[illegible] НА ПАМИРЕ

[illegible]-во «Э М Е С», Москва, Старопанский пер., 1.